# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 3־442) ניין און צוואנציקסטן יאר אקט.־נאוו 1968 לאנדאן

## א י נ ה א ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| ממחרת יום־הכפורים, דער סועץ־קאנאל, גאטס מלכות פון שלום גאנצע וועלט איצט ווערט | | 3 |
| די געשיכטע און דער סדר פון די סליחות (עסיי) | י. ריכטיגער | 7 |
| הכנסת־אורחים (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 13 |
| די אנדערע יאלאנטע (דערציילונג) | יוסף די באסט | 13 |
| אלע געזאנגען (ליד) | שמואל ווהייט | 23 |
| אראפ פון יאריד, אין חשוון פינסטערער מולד־נאכט, א חשוון־זון (פראזע און פאעזיע) | א. נ. שטענצל | 24 |
| יעקב ביים ברונעם (ליד) | אברהם שלאנסקי | |
| אויף פארגעסענע שטעגן (ליד) | אברהם ברוידעס | |


רעדאקליע־נאטיץ :

## יידיש-ליטעראריש̇ע שבת-נאכמיטאגס

בערנארד באראן־סעטלמענט, הענריקעס סטר., א.1. שבת 3 אזייגער :

דעם 2טן נאוועמבער : דויד בערמאן וועט דערציילן פון זיין נסיעה קיין ישראל. לייענען און רעציטירן — נעט רובין און אייזיק גאלדבערג.

דעם 9טן נאוועמבער : א רעפעראט פון יעקב ריכטיגער ; לידער וועט זינגען מאיר באגדאנסקי און ח. נ. בענקוויטש וועט דערציילן פון זיין ישראל־נסיעה.

דעם 16־ נאוועמבער : א רעפעראט פון סעם לעף : פאליטישע וועלט־סיטואציע יעצט.

דעם 23־סטן נאוועמבער : געווידמעט דעם יידישן שאפן אין ישראל.

דעם 30סטן נאוועמבער : דאס 21סטע יאר נאכן יונ״א־באשלוס מכוח דער יידישער מדינה. רעדנער : ח. נ. בענקוויטש.

דעם 7טן דעצעמבער : די יידישע שרייבער און פאעטן אין סאוויעט־רוסלאנד.

**א. גאלאמבן** מאה ועשרים צו זיינע 80 יאר — פריינט פון יידיש לשון.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער בארימטער העברעאישער ישראל־שרייבער אהרן מגד איז אנגעקומען ווי דער קולטור אטאשע אין דער ישראל־אמבאסאדע אין לאנדאן: מגד איז אויך באקאנט מיט זיין גרויסע ליבשאפט צו דער יידישער ליטעראטור מיר באגריסן אים און ווינטשן אים א ברוך הבא.

א צאתכם לשלום־באנקעט פארן פרעסע־שעפ ביים ישראל־אמבאסאדע מ.מ.ה. שרון פון אלע נאציאנאלע־פארטייען און אינסטיטוציעס קומט פאר דעם 26׳סטן סעפטעמבער אין רעקס הויז, צו זיין אפפארן קיין ישראל.

י. ל. פיין דער גוט־באקאנטער לאנדאנער ארבעטער און קולטור פירער דער שרייבער י. ל. פיין איז געווארן 85 יאר מיר ווינטשן אים נאך א סך געזונטע און גוטע יארן — עד מאה ועשרים.



י. ל. פיין

שבת, דעם 7׳טן סעפטעמבער, האבן זיך די יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג, נאכן איבעררייס צו פון די „האלידעיס״ ווידער אנגעהייבן, עס האבן זיך בעטייליקט : יעקב ריכטיגער, ח. נ. בענקוויטש און מאיר באגדאנסקי און נעט רובין.

דר. אהרן שטיינבערג, וואס איז געווען איבער 20 יאר דריקטאר פון קולטור־דעפארטמענט ביים יידישן וועלט קאנגרעס האט זיך צוריקגעצויגן פון דער ארבעט.

ח. נ. בענקוויטש, אקטיווער־טוער ביי יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס איז עולה נאך ישראל אויף אייניקע חדשים.

דוד בערמאן איז אויף א נסיעה אין ישראל.

ש. פידערער, וועלכער איז געווען אייניקע יארן דריגענט אין דער שולע ביים לאנדאנער ארבעט־רינג, ער איז אויך באקאנט א זשורנאליסט, ווערט יעצט א בן־שבעים. מיר ווינטשן עד מאה ועשרים.

יעקב הלוי, פארזיצער פון דער בריטישער סעקציע ביים יידישן וועלט־קאנגרעס, איז געווארן דריירעקטער־שטעטלפארטרעטער פונם קולטור־דעפארטמענט.

בקרוב וועט אין דער „ארב״־קאמפאניע געדרייט ווערן א יידישער פילם. דאס סצענאריע־בוך האט אנגעשריבן דער באקאנטער שרייבער אברהם שולמאן.

מאיר צעלניקער איז אויפגעטרעטן אין א הויפטראלע אין דער לאנדאנער טעלעוויזיע.

אברהם טאבעוויטש, אן אנגעזעענער אנארכיסטישער טוער איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן.

אויף א זיצונג פון שרייבער און זשורנאליסט איז באהאנדלט געווארן די פראגע, פון זיך אנשליסן אים דער וועלט־פעדעראציע פון יידישע זשורנאליסטן.

אין דער ווייטשעפל ביבליאטעק איז געווען אן אויסשטעלונג פון די בילדער פון קלארע פרידמאן, צווישן די מאלערייען האבן זיך געפינען ישראל־בילד וואס מאכן אן איינדרוק.

לייבל ביילי, דער פארזיצער פון דער אנארכיסטישע גרופע אין לאנדאן ווערט דעם חודש א בן שמונים מיר ווינטשן אים נאך א סך געזונטע גוטע יאר — עד מאה ועשרים.

דער שרייבער גרשון סאפאזשניקאוו וואס האט געווילט אייניקע טעג און לאנדאן איז אויסגענומען געווארן ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס, פארגעשטעלט פארן עולם האט אים י. ח. קלינגער, דער חשובער גאסט איז אויך אויפגענומען געווארן ביי זיצונג פונם זשורנאליסטן־פעראין.

דער באקאנטער אקטיאר און רעציטאטאר יידל גאלדבערג האט שטארק אויסגענומען מיט לייענען לוצקיס א ליד ביי די שבת־נאכמיטאגס.

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

## אברהם שלונסקי

### יעקב ביים ברונעם

ברונעם אין פעלד. ביסט געקומען.
גרויס איז אויפן ברונעם דער שטיין.
ברונעם וואס שוויגט מיט דיין וואסער,
האפנדיק די שאף צו אים צו גיין.

זאמען די פריינט צו גענענען.
יעדער זיין הארץ מיט א בראך.
צייט איז צו זאמלען די סטאדע,
שפעט, אבער קומען זיין דאך ?

ווי מיר, דער טאג איז נישט גרויס מער.
ווי, שוין פארבלייכט איז די זון.
לאמיך אראפוואלקן דעם שטיין דארט,
שאף־דורשט צו זעטיקן דערפון.

יידיש פון מאיר גערטנער

## אברהם ברוידעס

### אויף פארגעסענע שטעגן

כ׳האב נישט וויסנדיק אויף א סקלאפ געטרעטן,
וואס געווארן איז א שטיין, אויף קבר־היילן געלעגן.
פון זיינע סודות־שפאלטן א מאן־בלימל שפראצט,
אין׳ס אויג מיינס וואס וואנדערט אויף פארגעסענע שטעגן.

נישט אומזיסט האט מיך דאס בלימל באצויבערט :
ס׳האט פייערשיין מיט סודותדיק בלוט שטראל־געוואלט.
אויס זיין פייערדיקן בעכער ליכט־בלישטשענדיק פינקלט,
א פלאמיקע מענטשנגעשטאלט.

יידיש פון מאיר גערטנער

רעדאקציע־נאטיץ : לעצטן חודש האבן געוויילט אין לאנדאן די צוויי בארימטע העברעאישע דיכטער, אברהם שלאנסקי און אברהם ברוידעס. זיי זענען ווארעם אויפגענומען געווארן אין היגע ליטעראַרישע קרייזן. קודם, דרוקן מיר אפ צוויי לידער פון אט די פאעטן אין ד״ר מאיר גערטנער׳ס איבערזעצונג און אין קומענדיקן נומער ברענגען מיר גרעסערע נאטיצן איבער די חשובע געסט אין אונזערע „לאנדאנער קולטור־ידיעות״, וואס פאלן לידער אויס פון היינטיקן חודש צוליב טעכנישע סיבות. דער המשך פון אייזיק גאלדבערגס ארטיקל און ש. טענענבוימס סקיצן אויך אין קומענדיקן נומער.

מזל טוב! צו דער התונה פון מעטא גאנזווא און יוסף ראזענאייל ווינטשן מיר פיל גליק און נחת דעם יונגן פאר און דער גאנצער משפחה.
„לשון און לעבן״

מזל טוב! מיין פלימעניק נחום שטענצל און זיין פרוי צו די תנאים פון זייער טאכטער מרים מיט ראי בעקער פיל פרייד און נחת.
א. נ. שטענצל


# לשון און לעבן

הודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 3־442) ניין און צוואנציקסטן יאר אקט.־נאוו 1968 לאנדאן


## ממחרת יום - כיפורים

1

אונטערן חשבון־הנפש פון די הייליקן וואכן ציען א וואכנדיקן שטריך פאר א שטיקל ביליאנס.

דער יישוב דא איז נישט מער דאס אמאליקע ווייטשעפל ווו טויזנט און איין שטעטל האבן זיך געגעבן א ראנדעוו. ווו אין א יום־כיפור־טאג ביים אויסנעמען, ביי די הפסקות האבן טויזנטער יידישע מענער און פרויען יום־טובדיק אנגעטון שפאצירט שטראלנדיק אויף ביידע זייטן טראטוארן און אין מיטן זיינען די באסעס און שטראסנבאנען געלאפן ליידיקע.

דעמלט זיינען די ווייטשעפלער שולן און סינאגאגעס געווען געפאקט מיט צענער טויזנטער מתפללים.

די טראדיציע פון ווייטשעפלער שולן ציען זיך שוין א קיימא־לן פון א 300 יאר מיט דער פארטיגעזישער „שערשמים״־שול אין „בעוויס מארקס״ און דער „דיוקס פלעס״־סינאגאגע פון די אשכנזים.

אבער איבער 100 יאר ווי א יידישלעך פאלקס־לעבן האט געברויזט אין ווייטשעפל מיט אן אייגנארטיקן אימפולס פון א יידישן מקום, נישט נאר מיט רעליגעזע אינסטיטוצעס מיט בתי מדרשים חסידים־שטידלעך, חדרים און ישובות, נאר מיט געזעלשאפטלעכע־און קולטור פעראיינען מיט טעגלעכע צייטונגען, וואכן־און חודש־זשורנאלן טעאטערס און פערלאגן. מיט איבער 100 יאר צוריק האט אהרן ליבערמאן דא געשריבן די ערשטע סטאטוטן פאר א יידישן סאציאליסטן פעראיין. און זקנים ווי אין ווייטשעפל געדענקן נאך ווי אין יום־כיפור איז קאפלאן(?) געריטן אויף א ווייס פערד פאראויס און געפירט מיט מוזיק די אנארכיסטן צו דער יום־כיפור סעודה — וויפיל רעליגאזיטעט נאך אין אזא א־רעליגעזקייט.

דא, אין ווייטשעפל האט זאבאטשינסקי, מיט 51 יאר צוריק געלאזט אויפמארשירן דעם ערשטן יידישן באטאליאן פון דער צוקונפטיגער יידישער ארמיי.

דא, אין ווייטשעפל, אויף דעם שטיקעלע ערד דא האבן זיך הונדער־טויזנטער יידן געראטעוועט פון פאגראמען און גזירות, פון נויט און אויסראטונג און דאס שטיקל ערד דא איז געווען א רעטונג־ברעג פאר מיליאנען יידישע — וואנדערער און פליטים פון אייראפע, אנצוקומען אין די „איבער־

וועו״־לענדער אין אלע פיר וועלט־טיילן —

דער יידישער שעלטער אין ווייטשעפל איז געווען דער וואס האט אויס־געפועלט ביים „האם־אפיס״ וויזעס פאר דער יידישעוואנדערער, כאטש זיי זיינען געווען „בעז־גראמאטנע ״)און אן אנאלפאבעט פריקט נישט קיין וויזע!( ווייל זיי קענען יידיש און יידיש איז די יידישע פאלקס־ שפראך.

מ׳האט נאר געברויכט אראפצוברענגען פון האם־אפיס אזא בעאמטן נאך ווייטשעפל און ער האט מיט אלע אברים דערפילט אז ער איז אין „יידיש־לאנד״.

און נאך מיט 30 יאר צוריק, ווען אן אנטיסעמיטישער רעדנער האט אין היידפארק באליידיקט יידן, „די ראטשילדס״, האט מען נאר באדארפט אויס־שרייען: „קוק אראפ נאך ווייטשעפל 100,000 יידישע הארפאשניקעס״. און מ׳האט אים שטום געמאכט.

צוזאם מיט די טויזנט און איין שטעטל האט היטלער אויך חרוב געמאכט דעם מקום דא, ער האט עס נישט געקענט מיט גאז־קאמער און קראמאטאריע, האט ער עס צעשטערט טאג איין טאג אויס מיט באמבעס. צענדליקער טויזנט יידן זיינען אין דער מלחמה דא געווארן „דאכלאז״, רעליגעזע־און סאציאלע אינסטיטוציעס זיינען געווען דירעקטע צילפונקטן פארן שונא — אבער מ׳קאן א יישוב מיטן ווארצל דאך נישט אויסראטן!

2

א צוויי צענדליק טויזנט יידן כ״י, וווינען נאך אין ווייטשעפל, וואס איז יעצט א מקום מקלט פאר טויזנטער און טויזנטער פון כל־ערליי אפריקאנישע און אזיאטישע לענדער און אין די אויפגעבויטע בלאקס פון די חרוב געווארענע יידישע געסלעך צווישן דער גרויסער מערהייט ענגלישע פראלעטאריער, איז שוין די קליינע יידישע ארבעטער נישט זייער אנזעעוויד״, אבער אז ס׳קומען אן די ימים־נוראים, איז דער מינין, נישט געבאמבטער, געבליבענע שולן פול מיט מתפללים און אויף וויפיל דער יידישלעכער „חן המקום״ איז אוועק, אבער דער כאראקטער איז דאך נאך געבליבן, און ווער עס האט א חוש פאר טראדיציע פילט עס. די באסעס לויפן טאקע פול געשטאפט, דער יום־טובדיקער רוך אויףביידע זייטן טראטואר איז טאקע נישטא, אבער די גע־שעפטן זיינען געשלאסן; א יידישע „בערע״ זעט מען נישט, פון דא און דארט זעט מען איילן א ייד אין שול אריין. אמת נישט מער די היימישע יום־כיפור־שטימונג, אבער א ביסל יום־טובדיק פילט זיך דאך.

צוקומענדיק צו דער ליין ווו אלע טעג פון א גאנץ יאר קאן מען זיך קוים אדורכשטופן דורך דעם געדרענג און די סטראגאנעס, אז מ׳זאל א מענטש אצינד דא זען, לידיק, שטיל, — דער סמבטיון רוט: — שבת שבתון.

נאך א שריט און די פארטוגעזישע שול „שער־שמים״ — כ׳בין אריין און דער חכם, אין זיין גאנצער ספרדדישער טראכט און פראכט, כ׳„כהן גדול בצאתו מבית קדשי קדשים בשלום״ שטייט ביי זיין עבודה.



אמת עס פעלט דער היימיש מוראדיקער „ונתנה־תוקף״, מ׳הערט נישט דאס זיסע וואלכל פון „כבקרת רועה עדרו״, אפילו דער קדושים־הייליקער „אלה אזכרה״ בשעת דער עבודה — אבער אן עדה וואס סקאנדירט אזוי, מיט אזא הארציקע תמימות, די דריי פאעטן, די קרוין פונם גאלדענעם צייט־אלטער האט שוין אפנים א חוש פאר טראדיציע.

עס טוט אזוי ווי פארביי צוגיין דורך דער צעבאמבטע „דיוקס־פלייס־שול״, מיטן שילדל אויף איר: „דיוק פלייס ווארען־הויז״. פעלט טאקע די פירער פון דער „אשכנזישער־קהילה דער חוש פאר טראדיציע — צו פארשא־כערן דעם מקום־קדוש אויף א ווארנהויז־שאפע? און דאס, אז ס׳קומט נישט אראפ דעם טשיף ראביי, כאטש אויף איין טאג פון די ימים נוראים, אין איינע פון די געבליבענע שולן, איז עס נישט אויך א שטיקל באוויז?

אבער צוריק־קומענדיק אין די נאך א ביסל היימיש געבליבענע געסלעך און אנטרעפנדיק דעם ממש התלהבות־יוגנדלעכן סער בארנעט זשאנער, דעם מ.פ. א קיימא־לן שוין פון ארום א פיר־יאר־צענדליק, איינער פון די אנ־פירער אצינד פון דער „לייבער־פארטיי״, וואס איבערייסענדיק דעם לייבער־קאנגרעס אין בלעקפול איז אנגעקומען עקסטערע צו האלטן יום־כיפור אין ווייטשעפל, כדי צו קענען ווי אלע יאר האלטן זיינע טראדיציאנעלע יום־כיפור־דרשות אין ציוניסטישע רעדעס אין די ווייטשעפלער שולן, אנטרעפנדיק אים ווי ער לויפט פון שול צו שול אים אנקוקנדיק און דערזען דאס נר־תמיד־פייערל אין זיינע אויגן, האב איך געטראכט: עס איז נישט נאר די קאפיציטעט פונם ציוניסט־און קהילה־פרעזידענט צו וועקן און צו באגייסטערן, דעם יידישן עולם, עס איז אויך זיין גרויס געפיל פאר דעם שטיקל ערד דא, וואס ס׳איז געווען זיין ערשטער שטאפל צו ווערן די גרויסע פיגור, וואס ער איז איצט, אין פאליטישן און אין יידישן לעבן, וואס דא אין ווייטשעפל האט ער אנגע־הויבן ווי אן מ.פ. — דעם מאנדאט באקומען פון איינגעווארצלטן עמך אין יידיש־לאנד, פון צענדליקער טויזנטער יידישע פראלעטאריער אין ווייטשעפל — „זכרתי לך חסד נעריך״.

* * *

ווייטשעפל, וואס האט געשפילט אזא גרויסע ראלע אין יידישן לעבן, וואס קאן מיט רעכט אנגערופן ווערן ירושלים־דבריטן, איז נאך לגמרי נישט אויס־געשפילט, אויב עס קאן נאך, אין איר ירידה איצט, אין א ווייטשעפעלער שילע־כל ממש זיין שעפעריש באטיילט אין יידישן פאלקלאר נישט איבערניטשעוועט — טאקע געשאפן אויפן ארט און איצט — בזמן הזה.

זיינען אין ווייטשעפל פאראן צוויי בעקערייען בארימט מיט זייער יידישן קעז־קיכן: אסטווינד און קאסאף.

זיצן צוויי הארפאשנע שניידער־מייסטערס יום־כפור נאך דער הפסקה פון מסוף, אויף דער מזרח־וואנט. כאפט זיך ביי איינעם ארויס א גרעבץ „פרעגט אים דער אנדערער: „האסט ווינד״? „ניין״, ענטפערט ער אים: „קאסאף״.

ניין, א יידישלעכע מקום איז נאך נישט גאנץ אויסגעשפּילט, אויב יידישע שניידער־מייסטערס האב נאך א חוש פאר היימישן קעז־קיכן — ממחרת יום־כיפור מוז מען דאס זיכער נעמען אין עד־לחשבון, — בפרט א קהילה וואס לעבט פון כשרת! — ווארים ווי זאגט א יידיש ווערטל: א יידישע קושקע איז גאר נישט אפצושאצן...

## דער סועץ - קאנאל

פון דער זייט סועץ צו דער צווייטער זייט סועץ,
מיט איין ליטקע־שפּאן אריבערצושפּרייזן,
און שיפן מיט פּעטראליום און מיט כלי־זיין,
דעם גאנצן קיילעך ערד ארומצוקרייזן.

צי קאן נישט איינעם די יוכא איבערגיין,
שטייט א זעלנערל מיט ביקסל ווי ל"ג־בעומר,
קנייטשט דעם שטערן ווי ביי א הארבן תוספות,
קוקט חריפותדיק: „טאקע, ואם תאומר"?

פון דער זייט סועץ, פון דער צווייטער זייט סועץ,
שטייען נישט ישראל עגיפּטן — „די גרויסע"!
קלאפּן זיך אין די בייכלעך און קוקן צו,
ווי מען שלאגט זיך: „יכה יוסי את יוסי*".

וואס מישטיינסגעזאגט וואלטן זיי געוועזן,
אן די טויזנט פּודיקע אטאמבאמבע,
און וואס מישטיינסגעזאגט אצינד — צוויי געצן!
דער מיט א מארדע און דער מיט א טראמבע.

ס'קול וועט זיי בלייבן שטעקן אין די קעלן,
ווען די באמבעלעך נעמען שיטן —
אויף לינקס כאאס, תוהו ובהו אויף רעכטס,
דער אויפגעריסענער תהום אין מיטן.

וואס מיר דעמלט מארדע און וואס מיר טראמבע,
אז גאנצע ערד אויף שטויבעלע צעריבן?
ווען נישט דאס ירושלים של מעלה,
וואס אויבן — — צומאל קיין זכר געבליבן.

פון דער זייט סועץ, פון דער צווייטער זייט סועץ,
מיט איין לוטקע־שפּאן אריבערצושפּרייזן,
באין ברירה, וועט שוין מוזן גייט מיט גוטן,
אויב ס'קאן נישט גיין ווייטער אזוי מיט בייזן.

* סנהדרין פרק ז. משנה ה.



(דער סאנעט פאר מיכאל לידור צו זיין עולה זיין מיט ווייב און קינד קיין ישראל)

אז זיי דערזעען ס'ירושלים פון איצט,
גרין פארוואַרצלט אין די בערג, אין הימל — די דעכער,
קריכן זיי פון קנאה די אויגן פון די לעכער,
געשליפענע קינזשאלן געשארפט און געשפּיצט.

ווי די שנאה פלאקערט, ווי די רציחה בליצט,
אין יעדן עשיו דערוואכט דער מעסער־שטעכער,
ס'איבערגייען זייערע עהרצער — גיפטיקע בעכער:
„ירושלים פון יידישע קינדער באשיצט?

„יידישע קינדער באוואפנט מיט כלי־זין?
גרייטע זיך צו שלאגן — עין תחת עין?
א חוצפה דאס איז, א העזה — אומדערהערט!"

יא, עס איז אונז געווארן פארגינט און באשערט,
דעם הימל אראפּצוברענגען אויף אונזער ערד,
גאטס מלכות פון דער גאנצער וועלט איצט ווערט.

הושענא־רבא, תשכ"ט

י. ריכטיגער

## די געשיכטע און דער סדר פון די סליחות

אין אונזער סליחה געפינען זיך פירצן צונויפגעשטעלטע תפלות צו זאגן פירצן טעג, די ערשטע זיבן זענען באצייכענט פון סליחות ליום ראשון ביז סליחות ליום שביעי, די אכטע תפלה איז סליחות לערב ראש השנה אדער זכור ברית, ווי מען רופט איר אן, די ניינטע איז סליחות לצום גדליה, פארן ערשטן טאג נאך ראש השנה. דערנאך זענען פאראנען פיר סליחות פאר די פיר טעג צווישן צום גדליה און ערב יום כפור, האבן מיר דרייצן, און די פירצנטע תפלה איז סליחות לערב יום כפור. מען דארף האבן זיבן סליחות און זכור ברית, דאס הייסט, אכט סליחות צו זאגן פאר ראש השנה, ווייל אויב דער ערשטער טאג ראש השנה פאלט אויס דינסטיק מוז מען אנהייבן זאגן סליחות דעם זונטיק פון דער פארגאנגענער וואך, זאגט מען זעקס סליחות אין משך פון דער וואך, דערנאך זונטיק פון דער ראש השנה וואך זאגט מען די זיבעטע און מאנטיק זכור ברית, די אכטע סליחות... „לא אד"ו ראש השנה" — אזוי ווי זונטיק, מיטוואך אדער פרייטיק פאלט קיינמאל ניט אויס דער ערשטער טאג ראש השנה, ווייל שבת קאן ניט זיין הושענה רבה ווען קלאפן הושענות און פריי־טיק אדער זינטיק קאן ניט זיין יום כפור „מפני ירקא ומיתא", קומט אויס אז מען זאגט אמאל פיר סליחות, ווען דער ערשטער טאג ראש השנה פאלט

אויס דאנערשטיק, אזוי ווי הייאר, אמאל זאגט מען זעקס סליחות, ווען דער ערשטער טאג ראש השנה פאלט אויס שבת, אמאל זיבן סליחות, ווען דער ערשטער טאג ראש השנה פאלט אויס מאנטיק, און אמאל די פולע אכט סליחות, ווען דער ערשטער טאג ראש השנה פאלט אויס דינסטיק, ווי שוין פריער דערמאנט, אבער קיינמאל זאגט מען ניט פינף מאל סליחות פאר ראש השנה.

יעדע פון די פירצן סליחות ווערט אנגעהויבן מיט די זעלבע עטלעכע תפלות, וואס די ערשטע איז „לך אדני הצדקה ולנו בשת הפנים“ און די לעצטע ענדיקט זיך מיט „ורב חסד לכל קוראיך“, דערנאך זאגט מען ווייטער די סליחות, וואס זענען פארצייכענט צו זאגן דעם טאג. דער מקור פון די עטלעכע תפלות, וואס מען זאגט פאר די סליחות יעדן טאג, איז דער סידור פון רב עמרם גאון. רב עמרם גאון איז געווען דער ראש ישיבה פון סורא — בבל מיט לערך עלף הונדערט יאר צוריק. צו די תפלות זענען פארפאסט געווארן פון פריערקע גאונים און ער האט זיי אריינגענומען אין זיין סידור, אדער ער גופא איז געווען דער פארפאסער, ווייס מען ניט. אבער אין זיין סידור האט ער מסדר געווען די סליחות צו זאגן אין די עשרת ימי תשובה, ניט פאר ראש השנה, און ער האט באפוילן צו זאגן יעדן טאג די זעלבע סליחות, ניט ווי אין דער היינטיקער סליחה ווו פאר יעדן טאג איז פאראנען אנדערע תפלות. איז מיט דעם, וואס מען הייבט־אן יעדן טאג די סליחות מיט די תפלות פון „לך אדני הצדקה ולנו בושת הפנים“ ביז „ורב חסד לכל קוראיך“, פירט מען אויס דעם פארלאנג פון רב עמרם גאון צו זאגן די זעלבע סליחות יעדן טאג. (סדר רב עמרם השלם ח״ב, 314) אבער ניט, אז מען זאל זיי נאר זאגן אין די עשרת ימי תשובה.

דערפון איז קלאר אז מיט קנאפע עלף הונדערט יאר צוריק האט מען נאך ניט געהאט דעם היינטיקן סדר פון די סליחות, און דער דעמאלטיקער סדר איז ניט געזאגט געווארן פאר ראש השנה. די ערשטע תפלות, וואס מען געפינט אין די היינטיקע סליחה צו זאגן פאר ראש השנה, זענען פארפאסט געווארן ארום הונדערט יאר נאך רב עמרם גאון פון רבינו גרשום מאור הגולה, ער איז דער גאון וואס האט גוזר געווען אז א מען זאל ניט האבן מער ווי איין ווייב. רבינו גרשום האט פארפאסט די סליחה „איה כל נפלאותיך הגדולות והנוראות“ — ער פרעגט — אלמעכטיקער ווו זענען דיינע ווונדער די גרויסע און פארכטיקע, וואס פון דיר דערציילט האבן אונזערע עלטערן? די סליחה איז אריינגענומען געווארן אין די היינטיקע „סליחות ליום רביעי“: פירטע סליחות צו זאגן פאר ראש השנה, ער האט אויך פארפאסט דעם באקאנטן פזמון „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק“, וואס איז אריינגענומען געווארן אין די סליחות לערב ראש השנה, און אלע תפלות פון די סליחות לערב ראש השנה ווערן דערפאר אנגערופן „זכור ברית“. אגב איז נויטיק אויך צו וויסן דעם באטייט פון די באזונדערע נעמען מיט וועלכע די פאעטישע תפלות ווערן אנגערופן. „פזמון“ איז א תפלה וואס האט א רעפרייז, נאכן אפזאגן א זאץ איבערחזרט מען דעם שלוס פון ערשטן אדער לעצטן זאץ. אזוי ווי אין דעם פזמון זכור ברית איבערחזרט מען „והשב שבות אהלי יעקב והושיענו למען



שמך“: קער צוריק די געפאנגענע פון יעקבס געצעלטן און העלף אונז וועגן דיין נאמען. „סליחה“ ווערט אנגערופן א פאעטישע תפלה אין וועלכער מען בעט אנטשולדיקונג פאר זינד. „עקדה“ — ווו מען בעט דערבארעמונג אין זכות פון עקדת יצחק. „תחנה“ — ווו מען בעט מיטלייד אין צייט פון צרות. „שניה“ — ווו יעדע צוויי פסוקים גראמען זיך. „שלישיה“ — ווו יעדע דריי פסוקים גראמען זיך. „שלמונית“ — ווו יעדע פיר פסוקים גראמען זיך. אדער דער אנהויב פון יעדן פסוק הייבן זיך אן מיטן זעלבן ווארט און „פתיחה“ — מיט וועלכע די סליחות פון טאג הייבן זיך אן.

ארום קנאפע הונדערט יאר נאכן רבינו גרשום, אדער מיט ארום ניין הונדערט יאר צוריק, האט רש״י פארפאסט א ריי תפלות פון וועלכע צוויי זענען געווארן אריינגענומען אין סדר פון די היינטיקע סליחות. איינע איז „אדני אלהי צבאות נורא בעליונים“, וואס מען האט אריינגענומען אלץ „פתיחה“ אין די סליחות לערב ראש השנה — דאס הייסט: אין זכור ברית, און די צווייטע איז „אז טרם נמתחו נבלי שכבים“, וואס מען האט אריינגענומען אלץ פתיחה אין די סליחות לצום גדליה. אחוץ דעם זענען אין דעם היינטיקן סדר הסליחות נאך פאראנען תפלות פון אנדערע דרייסיק פארפאסער, וואס דער לעצטער פון זיי איז רב שלמה הקטן, ער האט פארפאסט די סליחה — „תבא לפניך שועת „חינון“, וואס איז גאווארן אריינגענומען אין די סליחות ליום ראשון: פון ערשטן טאג. דער רב שלמה הקטן האט געשטאמט פון פראנקרייך זיין ביינאמען איז געווען אין פראנצעזיש „פעטיט“ וואס איז אין העברעיש — „קטן“, ער איז געווען א מקובל און א גרויסער קנאי, לויט די היסטאריקער האט ער מיט זיינע תלמידים, פון זיין קאבאליסטישער ישיבה אין עכו, אויסגעמעקט פון רמב״ם מצבה די ווערטער „מבחר האנושי“: דער אויסדערוויילטער פון דער מענטשהייט און אויסגעשריבן — „המוחרם והמין“: דער אין חרם געלייגטער און אפיקורס. (גרעטץ „דברי ימי ישראל“ ח״ד 406) די היסטאריקער האבן פעסטגעשטעלט אז די וואנדאלישקייט איז אויסגעפירט געווארן לערך פינף און פירציק יאר נאכן רמב״ם פטירה, וואס וויל זאגן — אין יאר 1250 פון ק.צ.ר. אדער מיט איבער זיבן הונדערט יאר צוריק. איז דערפון צו זען, אז אין היינטיקן סדר הסליחות געפינען זיך תפלות וואס זענען געשאפן געווארן אין משך פון פינף הונדערט יאר, פון דער תפלה „לך אדני הצדקה“, וואס רב עמרם גאון האט אריינגעגעבן אין זיין סידור מיט עלף הונדערט יאר צוריק, ביז די סליחה „תבא לפניך שועת חינון“, וואס רב שלמה הקטן האט פארפאסט מיט זיבן הונדערט יאר צוריק. אבער דערפון איז אויך געדרינגען, אז דער סדר פון די היינטיקע סליחות קאן ניט עלטער זיין פון זיבן הונדערט יאר.

עס בלייבט דעריבער פעסטצושטעלן, ווען מען האט מסדר געווען דעם היינטיקן סדר פון די סליחות? צום גליק איז פאראנען א שליסל צו לייזן די פראגע און דער שליסל איז די היסטארישע אנטוויקלונג פון חזנות. מען דארף וויסן אז אין די אלטע צייטן זענען חזנים ניט געווען קיין שליחי ציבור:

פארדאווענער אדער זינגער, דער שורש פון טערמין חזן זאל זיין „חזה": זען, און עס איז אנצונעמען, אז מען האט דעם נאמען גאר גענומען פון ארמאישן. אין ארמאישן האט מען אנגערופן די פאליציי אדער נאכטוועכטער „חזני מתא" אויפזער פו דער שטאדט. (בבא מציעא צ"ג) אין די צייט פון די תלמודים און מדרשים איז דער חזן פאקטיש געווען דער שמש אדער אויפזער פון די קהלשע רעליגיעזע ענינים, ניט דער דאווענערביים עמוד, צום פארדאווענען האבן די קהלות ניט געהאט אן שטענדיגן שליח ציבור, נאר איינער פון קהל איז געבעטן געווארן צו דאווענען פארן עמוד. אין א משנה געפינט זיך אז אין דער צייט פון בית המקדש האט דער טערמין חזן באטייט שמש. די משנה זאגט — „מסרום לחזנים": די כהנים וואס האבן ניט זוכה געווען אין גורל צו טוען די עבודה אין בית המקדש, האט מען געשיקט צו די חזנים צו העלפן זיי אויסטוען די כהונה בגדים, טייטשט רבי עובדיה מברטנורה אויס דעם ווארט חזנים — די שמשים וואס האבן זיך באשעפטיקט מיט באדינען די כהנים אין בית המקדש. (תמיד פ"ה משנה ג')

אין א אנדערע משנה ווערט דערקלערט, אז דער כהן גדול האט נאך דער יום כפורדיקע עבודה געדארפט ליינען פון דער תורה די פרשות פון יום כפור און זאגן אכט ברכות. האט דער „חזן הכנסת" ארויסגענומען די ספר תורה פון אלמער, פארטייטשט רש"י דעם טערמין חז הכנסתן — „דער שמש פון דער כנסת וואס באשעפטיקט זיך מיט ארויסנעמען, און ארײנשטעלן די ספר תורה אין אלמער, פארברייטן דעם שולחן צו ליינען און איז זיך מטריח מיט אלע אנדערע נויטיקייטן פון דער כנסת. (סוטה מ') יעדער בית דין האט אויך געהאט א חזן, וואס איז געגאנגען רופן די בעלי דינים צום משפט, און ווען דער בית דין האט איינעם פארמשפט צו מלקות איז דער חזן געווען דער שמייסער. דערפון נעמט זיך דאס יידישע שפריכווארט אז א חזן איז א נאר, ווייל רבי יהודה זאגט אז מען האט אויסגעקליבן חזנים „חסידי מדע": מיט א מינדערן פארשטאנד, כדי זיי זאלן זיך ניט איינרעדן אז זיי וויסן בעסער ווי דער בית דין און ארײנהאקן מער שמיץ ווי מען האט איינעם פארמשפט. (מכות כ"ג)

אחוץ דעם איז דער חזן געווען דער מלמד פון דער קהילה, ער האט געלערנט די קינדער, ליינען די כתבי קודש מיטן טראפ. (שבת י"ב) ער איז אויך געווען דער וואס האט באשטימט און מכבד געווען ווער עס זאל דאווענען פארן עמוד. (ירושלמי ברכות פ"ה, ד"ט) דאס זענען געווען די באשעפטיגונגען פון חזן זינט מען געפינט זיין נאמען דערמאנט אלץ שמש אין בית המקדש ביז צו די צייט פון רבינו אשר — הרא"ש, דאס הייסט: קנאפע צוויי טויזנט יאר. ערשט דער רא"ש, וואס האט געלעבט מיט זעקס הונדערט און פופציק יאר צוריק זאגט אז דער חזן איז געווען דער שליח ציבור: **דער פארדאווענער און זינגער.** ער שרייבט — „והולכין לבית הכנסת ונהגו שהחזן מוציא ספר תורה ואומר כל נדרי": ערב יום כפור אין אוונט גייט מען אין שול און מען איז זיך נוהג אז דער חזן נעמט ארויס די ספר תורה און זאגט כל נדרי. אזוי



ווי רבינו סעדיה גאון, וואס האט געלעבט ארום דריי הונדערט און פופציק יאר פארן רא"ש, שרייבט וועגן דעם זעלבן ענין — „יש עושין כך עומד שליח ציבור ביום הכפורים ואומר כל נדרי": פאראנען אזעלכע וואס טוען אזוי — אין יום כפור — דער שליח ציבור שטעלט זיך אנידער און זאגט כל נדרי. (הרא"ש סוף יומא) איז דערפון, וואס ער זאגט „שליח ציבור", ניט „חזן" ווי דער רא"ש זאגט איז קלאר צו זען אז די פארענדערונג פון הזוס באשעפטיקונג, פון זיין דער שמש הכנסת צו ווערן דער בעל תפלה: דער זינגער און דאווענער, איז פארגעקומען אין משך פון די לעצטע עטלעכע הונדערט יאר וואס די סליחות זענען געווארן פארפאסט, אין די עטלעכע הונדערט יאר צווישן רבינו סעדיה און הרא"ש.

די סיבה פון דער פארענדערונג אין חזנס באשעפטיקונג זעט אויס צו זיין געווען א לאגישע און א פשוטע. אין משך פון די זעלבע צייט האבן זיך בכלל די תפלות פארצענפאכט, הונדערטער יוצרות אדער פיוטים זענען פארפאסט געווארן צו זאגן אין שבת, אין די ימים טובים און ספעציעל אין די ימים נוראים, די געווענלעכע יידן און אפילו די בני תורה, די געלערטע, וואס זענען געווען פארנומען מיט דאגת פרנסה, האבן ניט קיין צייט געהאט צו קאפיערען און אויסלערנען זיך די נייע תפלות. דאס האט געפירט דערצו, אז זיי זאלן אלץ מער און מער ווערן אפהענגיק פון דעם חזן־שמש מיט דעם סדר פון זייערע תפלות, וואס האט פארשטארקט זיין פאזיציע אין דער קהלה פון דור צו דור. דער חזן — שמש האט ניט מער אליין געהאט אויף זיך די פינקציע אויסצולערנען די קינדער ליינען די סדרה מיטן טראפ, נאר ער האט אויך געמוזט אויסגעפינען וועלכע פון די נייע פארפאסונגען זענען געווארן אנגענומען אין אנדערע קהלות אדער אין אנדערע מדינות און אויסקלויבן פון זיי די תפלות מיט זייער רעציטירונג אדער מעלאדיעס געפאסט פאר זיין קהלה, פארשטייט זיך די טאפעלטע ארבעט פון שמש און פון פארגרייטער פון תפלות איז געווען צו שווער פאר איין מענטש, האט מען פארטיילט די אלטע, כמעט צוויי טויזנט יעריקע, חזנישע און שמשדיקע פונקציע. מען האט באשטימט א מאן פאר די דינערישע פאזיציע פון אמאליקן חזן־שמש אנרופנדיק אים שמש און דער חזן איז דערהויבן געווארן צו א העכערע מדרגה. און כדי אויסצומיידן אז דער פארזאמלער פון די תפלות זאל דארפן אויסלערנען א גוטן רעציטאטאר אדער זינגער צו דאווענען פארן עמוד, האט מען אנגעהויבן אויפצונעמען פארן פאסטן פון חזן א גוטן רעציטאטאר און א זינגער. דעריבער, ווען מען נעמט אין באטראכט, אז די לעצטע שאפונג, וואס מען האט ארײנגענומען אין די סליחות, איז פארפאסט געווארן פון דב שלמה הקטן וואס האט געלעבט לערך אין דער פעריאדע ווען די חזנים זענען געווארן די בעל תפלות, איז מען בארעכטיקט אנצונעמען, אז דעמאלט האבן די חזנים מסדר געווען דעם היינטיקן סדר פון די סליחות.

אז די, וואס האבן ארײנגענומען די יוצרות אדער פיוטים אין די יום טוב און אין די ימים נוראים תפלות, זענען ניט געווען די זעלבע, וואס האבן מסדר

געוועז דעם סדר פון די היינטיקע סליחות, ווייזט זיך אויך ארויס פון דעם אונטערשיד אין דער טעמאטיק. די טעמאטיק, פון די יוצרות אדער פיוטים אין די יום טובים און די ימים נוראים; תפלות, איז צום גרעסטן טייל פאעטישע באארבעטונגען פון אגדות — פאלקלאריסטישע דערציילונגען פארזאמעלט אין די תלמודים, מדרשים און קבלה וועגן די פונקציעס פון מענטשן געווארענע מלאכים, ווי דער שר מטטרון, אדער מלאכים געשאפן פון פייער, וואסער וכדומה, און פון חיות הקדש: הייליגע חיות, וואס זענען איינגעשפאנט אין דער מרכבה: אין רבונו של עולמס קעניגלעכע קאטש. עס פילט זיך פון די דיכטונגען דער מזרחדיקער מיטאלאגישער ראמאנטיזם איבערגענומען און פארדייעט פון יידישע מיסטיקער, בעת מען האט זיי געלאזט לעבן בשלום ושלוה אין די דארטיקע גלות לענדער. די יוצרות אדער פיוטים זענען פון די ערשטע שאפונגען און מען האט זיי מסדר געווען אין די יום טוב און ימים נוראים תפלות ארום פינף הונדערט יאר פריער ווען די חזנים זענען נאך געווען שמשים, ווייל רש״י, די בעלי תוספות און אנדערע ציטירן זיי שוין פון די תפלות.

דערקעגן איז די טעמאטיק פון די סליחות צונויפגעשטעלט פון רחמים ותחנונים, פאעטישע באארבעטונגען פון תנ״כשע פסוקים, וואס האבן זיך ארויסגעריסן פון צעווייטיקטע הערצער. עס הערט זיך פון זיי דער ביטערער יאוש געשריי פון א געפייניקט פאלק. דער דיאלאג איז ניט מיט קיין פארטרעטער פון אייבערשטן, נאר שווערע הארבע קשיות צו אים זעלבסט, זעסטו דען ניט אז מיר ווערן געהרגט פאר דיין נאמען יעדן טאג? שרייען אלט און יונג צום רבונו של עולם. יעדע שורה פון די סליחות איז אדורכגעווייקט מיטן בלוט פון אומשולדיק פארטיליקטע און יעדעס בלעטל אויף וועלכן זיי זענען אנגעשריבן אדער געדרוקט איז אדורכגעווייקט מיט טרערן פון דורות געיאגטע און געפלאגטע, וואס באווייזט אז מען האט מסדר געווען די פאעטישע שאפונגען פון די איצטיקע סליחות אין די מערב לענדער, ווען די גערמאנישע קרייצצוגע הארדעס האבן געווימעלט ווי ווערם איבער אייראפע. זיי האבן אויסגעזויגן דעם מארך און בלוט פון די יידישע קהלות, ארויף געלייגט אויף זיי שווערע קאנטריבוציעס, און אין נאמען פון „ואהבת לרעך כמוך“ געשלעפט אלט און יינג אין די קירכן, כדי זיי צו איבערקערן מיט געוואלד צום גלויבן פון דעם געקרייציקטן גאט...

אן אפקלאנג פון די דעמאלטיקע רדיפות אויף די מעריב אייראפעישע יידן געפינט זיך שוין אין די יוצרות אדער שאפונגען פון רבינו גרשום מאור הגולה, וואס ער איז געווען רב אין מאגאנצע, א שטאדטביים רהיין. אין זיין סליחה פירט ער א דיאלאג מיטן רבונו של עולם, די שאפונג איז אריינגענומען געווארן אין די סליחות ליום הרביעי און זי הייבט זיך אן־מיט דער פראגע — „איה כל נפלאותיך הגדולות והנוראות?“: אלמעכטיקער! ווו זענען דיינע וואונדער די גרויסע און פארכטיקע פון אמאל?

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“



## יוסף לעפטוויטש

### הכנסות אורחים

ס׳שטייט מיין הויז שטענדיק אפן,
אויף מזרח און אויף מערב זייט,
אויף דרום און אויף צפון.
און ווער עס וויל מעג קומען צו מיר.
מיין טיר שטייט שטענדיק אפן.

צו קומט א מענטש פון מערב זייט,
פון מזרח, דרום, צפון,
ער מעג בלייבן ווי לאנג ער וויל.
מיין טיר שטייט שטענדיק אפן.

און וויל ער ווייטער גיין זיין וועג,
שטייט אויב מיין טיר פאר אים אפן,
און ער מעג גיין וווהין ער וויל,
קיין מזרח, מערב, דרום, צפון.

## יוסף ד. באסט

### די אנדערע יאלאנטע (דערציילונג)

זי האט די זאך אפגעטאן, ווי שטענדיג אלץ, אויפריכטוק און ספאנטאן, און איצט עס אין גאנצן ניט באדויערט. ווי האט זי דען, איבעריקנס, געקאנט האנדלען אנדערש? איר חברטע סטעפע איז געקומען קיין נ., כדי צו גאסטראלירן במשך פון צען טעג אין ארטיקן טעאטער. אפשטעלן זיך און א האטעל וואלט פאר איר באדייט ניט קאנען אפיאגן זיך פון פארערער. זייענדיג אבער א גאסט אין א פריוואטער שטוב, איז זי געווען פארזיכערט פון אומגעשטערט צו ווערן.

זיי האבן זיך באגעגנט אין דער וווינונג פונעם רעזשיסער נאך א פופצניעריקע צעשיידונג און זענען צו זיך צוגעפאלן. זיי האבן געהאט א גרונד צו זיין מיט זיך קעגנזייטיק צופרידן. אויב די „פליישיקע סטעפעייע (ווי מ׳האט זי איבערגערופן אין שול) איז אויסגעוואקסן א בארימטע סצענע־און פילם־אקטריסע, איז יאלאנטע געווען א ניט ווינציקער געשעצטע קינדער־שרייבערין.

זיי האבן זיך אפגעזונדערט פון דער געזעלשאפט און פארפירט א שנעלן, כאאטישן שמועס וועגן זיך און געמיינזאמע באקאנטע. יאלאנטע האט זיך פון אים דערוווסט, אז איר חברטע האט שוין באוויזן אפגטן דעם צווייטן מאן.

— ווי ס׳פאסט פאר אן אקטריסע — האט זי איראניש באמערקט און ארומגענומען מיטן בליק די פולע געשטאלט פון איר צווישנרעדנערין.

— זאג מיר נאר, טייערע — האט זי מיט געמאכטער פארזארגקייט

א פרעג געטאן. — האסט גאר ניט מורא, אז דו באקומסט סטעאטאפיגיע? אויב ס׳וועט ווייטער אזוי גיין, וועט דיר ניט בלייבן קיין אנדער ברירה ווי פארן צו די בישמענען. מ׳זאגט, אז זיי האבן דאס ליב.

— נישט־קשה — האט יענע זעלבסטזיכער געענטווערט — אויך אונדזערע היימישע „בושמענען" האבן עס ניט פיינט.

— נו, ניט אלע.

— כמעט אלע. אפשר מיטן אויסנאם פון אסטראפיזיקער.

יאלאנטע האט זיך פאררויטלט; דאס איז געווען אן אלוזיע צו איר מאן...

— איבעריקנס, ווער ווייסט? — סטעפע האט איר פראוואקאטאריש געקוקט אין די אויגן. — מעגליך, אז זיי אויך...

אבער כאטש יאלאניטע איז איבערצייגט געווען אין דער פרינציפעלער ריכטיקייט פון איר שריט, האט זי דאך, א היים גייענדיג, געהאט געוויסע ספקות, צי האט זי געדארפט איינלאדן סטעפען; זי האט נעמלעך מורא געהאט, אז דער חברטעס אנוועזנהייט קאן שטערן ראבערטן אין דער ארבעט. זי האט אים געטראפן ביים שרייבטיש פארנומען מיט זיינע „באמערקונגען וועגן קאולערס טעאריע". זי האט אים גלייך מיט געטיילט וועגן דער איינלאדונג.

— דאס איז מיין בעסטע חברטע פון שול — האט זי פארענדיקט ווי מיט א פארענטווער. — וועסט זען: א מויד — א גאלד. נאר איין חסרון: צו רוישיק, ניט לויט דיין געשמאק. כ׳האב מורא, צי האב איך דיר ניט געטאן קיין עוולה דערמיט... זאג, ליבער: אויב דו ווילסט, קאן איך עס נאך אפרופן.

ראבערט האט דערקלערט, אז ער האט גארניט דאקעגן, די חברטע זאל ביי זיי פארברענגען די צען טעג פון איר גאסטראלירן אין נ.

— טייערער, ליבער! — זי האט האסטיק ארומגענומען זיין דיקן האלדז־געקושט אים אין שטערן, אין די באקן, אין מויל. ער האט אפגעענטווערט מיט א קוש, עטוואס פארוואונדערט פון איר שטורמישער דאנקבארקייט.

זי האט דערקענט ראבערטן מיט צען יאר צוריק; ער איז געקומען צו איר פאטער מיטן צוועק דורכצוגיין מעדיצינישע אונטערזוכונגען פאר זיי ערשטן פלי מיט א באלאן כדי צו מאכן וויסנשאפטליכע אויסמעסטונגען. דער דאקטער און דער פאציענט האבן זיך שנעל באפריינדעט. זיי האבן געהאט עפעס בשותפותדיקס אין כאראקטער; ביידע זענען זיי געווען מילד און צוריקגעהאלטן. ס׳האט אויך עגזיסטירט א קערפערליכע ענליכקייט צווישן די צוויי הויכע, עטוואס מגישמדיקע מענער.

ראבערט האט אנגעהויבן באזוכן דעם דאקטערס הויז. ער און יאלאנטע האבן זיך פארליבט און באשלאסן צו ווערן מאן — און ווייב. זי האט דאמאלט געהערט צו א באהעמישע געזעלשאפט, ווו ס׳איז אנערקענט געווען דאס פריי צו זאמענלעבן פון א פרוי מיט א מאן אן דער פארמיטלונג פון רעליגיעזן אדער אמטליכן צערעמאניאל. ראבערט איז געווען גערירט פון יאלאנטעס צוטרוי.

— ווען דאס וואלט מעגלעך געווען, וואלט איך דיך נאך העכער געשעצט



פאר דיין ניט זוכן קיין פארזיכערונג אין לעבן. דו באזיצט א ביצויבערנד קינדערישן גלויבן אין מענטשן און דאס אליין איז שוין א פאר זיכערונג. ס׳איז דאך שווער צו באוולהען א קינד!

אויך פון אנדערע האט זי געהערט, אז זי איז ווי א קינד צוטרוליך און ספאנטאן. זי האט אקצעפטירט אט די כאראקטעריסטיק אירע און צו איר צוגעפאסט איר לעבנס־טאקטיק.

איר צעניעריק צוזאמענלעבן מיט ראבערטן איז אפגעפלאסן לויטער און עטוואס מאנאטאן. איבערגעגעבן זייער פראפעסיאנעלער ארבעט, האבן זיי ניט געפאדערט פאר זיך קיין ספעציעלע עולם־הזה׳דיקע תענוגים. די חברטעס צוזאמענוווינען מיט זיי במשך פון צען מעת לעת האט אייגנטליך געזאלט זיין די ערשטע ענדערונג אין זייער פריוואט לעבן.

זי האט ארומגערינגלט די חברטע, ווי נאר יענע האט איבערגעטראטן איר שוועל, מיט פריינדשאפט און אפנהערציקייט. דער בשותפותדיקער אוונדברויט ארום הצות נאך סטעפעס ערשטן אויפטריט אין נ. האט געטראגן א יומטובדיקן כאראקטער, ניט געקוקט דערויף וואס ער איז געווען געפראוועט נאר אין דרייען. זי האט איר מאן און איר גאסט ניט צו רו געלאזט ביז זיי זענען איבערגעגאנגען אויף „דו". דאס איז דעם צוריק־געהאלטענעם וויסנשאפטלער בעשיינפערלעך אנגעקומען שווער. יאלאנטע האט אבער געמוזט פעסטשטעלן, אז נאכן אויסטרונקען מיט סטעפען „ברודערשאפט" איז ער שנעל געווארן מיט איר היימיש.

נאכן אוונדברויט זענען זיי, צוליב דער שפעטער שעה (סטעפע האט דעם ערשטן טאג געגעבן צוויי פארשטעלונגען), באלד געגאנגען שלאפן. אבער צו מארגנס האבן זיי נאכן עסן געמאכט א לאנגן שפאציר און די אקטריסע האט ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס פאר ראבערטס פאפולערן פארטראג וועגן שטערן און פלאנעטן. יאלאנטע האט זיי אבסערווירט ווי זיי זענען געשטאנען באנאנד, פארקוקט אויפן זומערדיק לויטערן הימל. בשעת זייער צוריקקער אהיים האט זי איינגערוימט דער חברטע אין אויער, ווי שטארק עס פרייט זי איר גוטפריינד־שאפט מיט ראבערטן.

אין איינעם פון די נאענטסטע טעג האט גערעגנט, זיי זענען אלזא נאכן אוונדברויט פארבליבן אין שטוב. יאלאנטע האט מיט ענטוזיאזם אויפגעכאפט סטעפעס פארשלאג אויסצולערנען ראבערטן טאנצן. זי האט אליין ארומגערינגלט מיט זיין ארעם סטעפעס טאליע און מיט א גוטמוטיקן שמייכל (דערביי האבן אירע ליפן עטוואס געציטערט) צוגעקוקט ווי סטעפע טוליעט צו אים איר פולן ווייבערישן קערפער. און ווען דער הויכער, ברייטבייניקער ראבערט האט ענדלעך פעסט ארומגענומען און צוגעדרוקט צו זיך זיין פארטנערין, האט געמאכט אן אנשטרענגונג כמעט איבער די כוחות און איז פארבליבן בלייך. האט עס זיך יאלאנטען אויסגעוויזן אזוי קאמיש, יא, זי האט זיך פונאנדערגעלאכט, אזש טרערן האבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

ווייטער האבן זיך די געשעענישן ענטוויקלט מיט א פארבלענדנדער

שנעלקייט. ווען די צענטעגיקע גאסטראלן האבן זיך געענדיקט, איז סטעפע „אויף דער אלגעמיינער פאדערונג פון פובליקום" אויף לענגער פארבליבן אין נ. זי האט ווייטער געוווינט צוזאמען מיטן פארפאלק, פונקט ווי דאס וואלט געווען פארשטענדליך פון זיך זעלבסט. דער מאן און די חברטע האבן אנגעהויבן זיך צו זאמען אפזונדערן. ראבערט פלעגט גיין זי אפווארטן ביים טעאטער און אפט קומען מיט איר שפעט ביי נאכט, ווען יאלאנטע איז שוין געליגן אין בעט. ביז איין מאל זענען זיי געקומען ערשט צו מארגנס אין דער פרי נאכן פארברענגען די נאכט אין א האטעל.

ראבערט איז שווייגענדיג אריין צו זיך אין קאבינעט, און סטעפע האט זיך געווענדעט צו יאלאנטען:

— מיר האבן באשלאסן זיך פאראייניקן. פארמאליטעטן זענען איבעריק: לויטן געזעץ זענט איר דאך ניט קיין פארפאלק. מיר פארן אוועק.

יאלאנטע האט געשאקלט מיטן קאפ. קיין איין ווארט איז ניט ארויס פון איר אויסגעטרוקנט מויל. זי האט געהאלפן איר מאן איינפאקן זיינע זאכן.

— די „באמערקונגען וועגן קאולערס טעאריע" קאנסטו ארויסווארפן — האט ער געזאגט. — און שיין פון די נייסטע וויסנשאפטליכע דערגרייכונגען פארמאגט זי שוין נאר א היסטארישן ווערט.

די צוגרייטונגען צו דער צעשיידונג האבן זיך שנעל געענדיקט. יאלאנטע זי האט זיי אפגעפירט צום באנהויף. ווען זיי האבן שוין געהאלטן ביים איינשטייגן אין צוג, האט זי צו זיי אויסגעצויגן די הענט, צוונגענדיג אירע צוקנדיקע ליפן צו א שמייכל.

—זייט געזונט — האט זי געזאגט מיט אפארשטיקט קול.

אפגעליגן אין בעט דעם גאנצן ערשטן טאג פון דער צעשיידונג, האט זי ערשט אין אוונט דערפילט א וועלפישן הונגער. דער דראנג נאך עסן איז געווען אזוי שטארק, אז זי איז ארויסגעשפרונגען פון בעט און אין העמד צוגעלאפן צום בופעט. זי האט אפילו קיין צייט ניט געהאט צו וואשן די הענט און גלייך זיך געווארפן אויפן עסן. באלד אבער האט זי עס פון זיך אפגערוקט. זי איז ניט אין שטאנד געווען אראפצושלינגען קיין ביסן, אזוי אויסגעטרוקנט איז געווען איר מויל. זי איז א הונגעריקע אבער אבסאלוט אפעטיטלאזע צוריק אריין אין בעט און נאך א קורצע צייט איינגעשלאפן.

זי האט זיך אויפגעוועקט אין מיטן דער נאכט. אין איר דמיון האט זיך געשטופט די פארשטעלונג פון דער פאריקער נאכט, וועלכע ראבערט מיט סטעפען האבן פארברענגט אין האטעל. דאס בילד האט איר פארשאפט א כמעט אומדערטרעגליכע פיין, ס'איז אבער געווען אזוי פארכאפענד פלאסטיש, אז זי האט ניט געהאט קיין כוח אפשטופן עס פון זיך.

...אט געפינען זיי זיך שוין אין צימער פון האטעל. סטעפע נעמט אראפ דעם זשאקעט פון ראבערטס ברייטער פלייצע, שפילעט פונאנדער זיין העמד און לייגט אוועק איר האנד אויף זיין ברוסט. ער ציט זי צו זיך צו און צערטלט זי דרייסט, אינטים, ווי מען צערטלט א ווייב. זיי לאזן זיך אראפ



אויף דער קושעטקע, באפרייען זיך קעגנזייטיק פון אנטועכץ. סטעפעס לאנגער קרעכץ פון תענוג. זי ציט צו זיך צו, ראבערטס קאפ און, ווען ער לייגט ארויף זיינע ליפן אויף אירע, רוקט זי אריין איר צונג אין זיין מויל — —

צו מארגנס איז יאלאנטען שווער געווען אויפצ'שטיין; זי איז אפגעליגן ביז מיטאגצייט. ערשט דער קלונג ביי דער טיר האט זי געצוווּנגען ארויסצוגיין פון בעט. דאס איז געווען די וועשין. יאלאנטע האט ביי איר דורך דער האלב געעפנטער טיר אפגענומען דאס פעקל וועש, באצאלט, אבער איר קיין נייע ארבעט ניט געגעבן.

זי האט זיך אומגעקערט אין בעט. זי איז הונגעריק און קאן ניט עסן. דאס מויל איז טרוקן, זי קאן קוים באוועגן מיט דער צונג. זי האט א מאדנע געפיל, ווי זי וואלט געהאט א פרעמדע צונג אין מויל.

זי האט זיך פלוצלונג אפגעגעבן א רעכנונג, אז זי אבסערווירט זיך אליין אינערלעך פון יענער מינוט אן, ווען דער צוג מיט ראבערטן און סטעפען איז פארשוווּנדן. זי האט געזען זיך אליין ווי זי קערט זיך אום מיט א געבויגענעם קאפ אין דער פוסטער שטוב. „זי האט ווייטער געשפילט — האט זי געטראכט וועגן זיך מיט פאראכטונג און האס, ווי וועגן אן אנדער פערזאן — זי האט ווייטער געשפילט, דאס מאל שוין נאר פאר מיר אליין, איר פלאכע ראל פון א באעוולט קינד. א שרייבערין — האט זי צוגעגעבן מיט שפאט. — ס'איז מיר שווער צו גלויבן, אז זי, א קאבאטינערין וואס האט זיך אנגעווארפן א באשטימטע לעבנס־פאזע און זיך אין איר עקשנותדיק איינגעוויקלט, זאל־פעיק זיין צו שאפן עפעס באמת ווערט פולס. אך, די געפעלשטע נשמה! זי האט כלומרשט מיט ביטול איבערגערופן איר חברטע „די פליישיקע סטעפע", אבער אין דער אמתן איז זי איר מקנה געווען אירע פולע ברוסטן און די... סטעאטאפיגיע".

דורך א מערקווירדיקן פאראלעליזם פון געפילן און געדאנקען האט זי אפגעשאצט די אומנאטירלעכקייט פון באטראכטן זיך זעלבסט ווי אן אנדערע פערזאן און גלייכצייטיק באנומען די דערלייכטערונג וועלכע ס'האט איר פארשאפט אט דער קאלטער אביעקטיוויזם. ער האט זיך אגב, שנעל פארוואנדלט אין א געפיל פון ביטערן געניס, ווען זי האט זיך אינערליך אפגעטיילט פון איר אייגענעם איך און באטראכט יאלאנטעס מפלה מיט שנאה'דיקער שאדנפרייד... צי איז דען ניט בעסער — האט זי געטראכט — שלום מאכן מיטן געשעענעם פאקט, איידער אויפהאלטן די אנגעשטרענגטקייט פון פיין דורך ניט וועלן אים אנערקענען?" דורך ענטשיידענעם פארטיליקן זיך — די באזיגטע — איז זי ענדליך דערגאנגען צו א צושטאנד פון אזא הכנעה, אין וועלכן זי האט אויך מסכים געווען מיט סטעפעס צונג אין ראבערטס מויל — מיט דער פרעמדער צונג אין מויל. און ערשט דאן האט נאכגעלאזט די אומדערטרעגלעכע טרוקעניש אין איר אייגן מויל; נאך אנדערהאלבן מעת־לעת איז זי ענדלעך פעיק געווארן צו שטילן דעם הונגער.

עסן און שלאפן — דאס זענען פון איצט אן געווארן די הויפט פונקציעס

פון איר לעבן; עסן און שלאפן און... טרוימען. זי האט אויף פארשידענסטע אופנים איבערגעטראכט איר מפלה אין קאמף מיט סטעפען פאר ראבערטס ליבע, זיך פארטיפט אין אירע אייגענע ליידן, זיי בכיוון אויפגערייצט דורך פרטימדיקע פארשטעלונגען פון סטעפעס און ראבערטס ליבע־סצענעס און מיט וואקסנדער ליידנשאפט געזעטיקט איר אחריות לגבי זיך אליין. איר ליבע צו דעם מאן וועלכער האט זי אפגעשטויסן, האט אויפגעפלאקערט און זיך דערהויבן צו א הויך, צו וועלכער זי האט במשך פון די פארגאנגענע צען יאר פון זייער צוזאמענלעבן קיינמאל ניט דערגרייכט אויף איין מאמענט אפילו. „צי האט זי דען ראבערטן פריער באמת געליבט? — האט זי רעטאריש געפרעגט. — וואס איז דען בכלל קעגנזייטיקע ליבע? א לעקעכל פאר א גראשן אמתדיקע ליבע איז נאר די ניט אפגעענטווערטע.

נאר בענקען נאך דעם וואס האט זי אוועקגעווארפן, פארגעטערן דעם וואס האט זי פאראכטעט — ערשט דאס הייסט ליבע״.

פארטאן אין פראגמענטארישע געדאנקען, וועלכע זי האט פון שרייבערישער געוווינהייט אומווילנדיק סינטעטיזירט (און פאראלגעמיינט אירע אייגענע אינטימע איבער־לעבונגען) פלעגט זי שעהען לאנג ארומשפאצירן איבער דער ניט אויפגערוימטער שטוב, אומפעיק ניט נאר צו נעמען א בוך אין האנד, נאר אפילו איבערצוקוקן די פרעסע. פארטיפט אין אירע פארפלאנטערטע געפילן, אין וועלכע זי האט זיך שוין אויפגעהערט פונאנדערצוקלייבן זייענדיג גלייכצייטיק דער תלין און קרבן פון דער מאראלישער אחריות, האט זי אנגעווירן יעדן אינטערעס פאר אויסערליכע לעבנס־דערשיינונגען. זי האט כמעט ניט געלייענט די אנקומענדע קארעספאנדענץ און זי געלאזט אן אן ענטווער אויפן טישל און פאדערצימער.

זי האט פריער ווי געוועגלעך באקומען די חודש־בלוטונג. עטליכע טעג שפעטער, ווען זי איז געזונט געווארן, האט זי זיך, פון געוווינטהייט, האלב אויטאמאטיש, אר׳סגעבאדן און צוריק אריין אין בעט. „איצט וואלט גוט געווען ארומנעמען ראבערטן, זיך איינטוליען אין אים. איז ער אבער ניטא אן אנדערע, א מער רייצענדע האט אים צו זיך גענומען. טא ווי אזוי, אין קאזנזאץ צו דער ווארשיינליכקייט, אויסטרוימען אז מ׳איז צוזאמען מיט אים? די ווירקליכקייט מוז מען אננעמען און גיין מיט איר האנד ביי האנד. נאר אזוי ארום קאן מען זי אפנארן, אוועקגנבנען זיך אין א זייט... מ׳דארף נאך מער הכנעה׳דיק אנערקענען סטעפעס זיג, איינבויגן פאר איר די קניען... זי שרייבט צו איר זיגרייכער קאנקורענטין א בריוו, אין וועלכן זי דערקלערט איר אונטערטעניקייט. זי לייגט פאר צו ווערן סטעפעס דינסט. יענע גייט איין דערויף און נעמט זי צו זיך. זי באדינט זיי ביידן, סטעפען און ראבערטן, מיט איבערגעגעבנקייט און טרייהייט. איר יראת־כבוד און געטריישאפט פאר דער הארין זענען אזוי אמתדיק, אז יענע, זיכער אינעם אפגעהאלטענעם נצחון, דערלויבט זיך אויף א שוואכקייט, און אויס פאראכטנדיקער רחמנות גייט זי איין דערויף, אז ראבערט זאל איין מאל, אן איין און איינצוק מאל — — —



זי האט זיך אויפגעכאפט פון האלבן שלאף, מיט דער קישן ליידנשאפטלעך צוגעדרוקט צו דער ברוסט. זי האט פארשטאנען וואס מיט איר איז פארגעקומען, באנומען אז זי האט אפגענארט... די ווירקליכקייט און זיך אליין. און דאך איז דער טרוים פון געפינען זיך אין ראבערטס ארעמס געווען אזוי זיס, אז זי האט באדויערט וואס ער איז פארשוווּנדן. זי האט זיך א ריס געטאן פון בעט, כדי ארויסנעמען פון שופלאד זיין פאטאגראפיע און זי קושן. זי האט אבער דערפילט, אז איבערטראגן אט די צווייטע אילוזיע וועט שוין זיין איבער אירע כוחות. פלוצלינג האט זי זיך דערמאנט אן ראבערטס „באמערקונגען וועגן „קאולערס טעאריע״, וועלכע ער האט איר איבערגעלאזט צום פארוויסטן, זי איז צוגעגאנגען צום שרייבטיש מיטן ציל ארויסצונעמען דעם העפט, אויפצודרייען דאס ליכט און זען ראבערטס האנדשריפט. „איך האב זי אבער אפגעשטויסן. זאלסט ניט וואגן אנצורירן זיין געשריפטס מיט דיינע שמוציקע פינגער! און זי איז א פארשעמטע און נודערגעשלאגענע צוריק אריין אין בעט״. און דאן — דורך אן אומפארשטענדליכע אסאציאציע — האט זי פאר זיך דערזען... א שמייכל, א קרומען, זיס־אחזריותדיקן שמייכל פון אן אלט צעקנייטשטע מויל — ווער און ווען האט אזוי צו מיר געשמייכלט? — זי האט ניט געפונען קיין ענטווער.

ערשט אויף דער צווייטער נאכט, און דער לעצטער רגע פארן איינשלאפן האט זיך אין איר דמיון באוויזן — ווידער ניט צו וויסן פארוואס דווקא איצט — די מאדנע געשטאלט, צו וועלכער יענער שמייכל האט געהערט.

דאס איז געווען אן אלטע, הויקערדיקע בעטלערין, וואס איז געזיצן אויף דער גאס אנגעשפארט אן א מויער. יאלאנטע, געארעמט מיט ראבערטן, איז פארבייגעגאנגען און איר געשענקט א נדבה. יענע האט אויפגעהויבן דעם קאפ און אפגעענטווערט מיט אט דאס קרום, זיס־אחזריותדיק שמייכעלע. יאלאנטען האט א שטאך געטאן אין הארץ: דער שמייכל האט אויסגעדרוקט פארבארגענע, איינגעבאקענע שנאה.

דו ווייסט? — האט זי זיך געווענדעט צום מאן — בעטלער האסן די, פון וועמען זיי באקומען נדבות. זיי ווייסן, אז די נדבה איז אן אפצאל כדי מיר זאלן קאנען אויך זעטיקן זיך מיט אונדזער גוטס. זי הייבט אויף דעם געבער און דערנידעריקט דעם באשאנקענעם, זיי האסן אונדז דערפאר. ווער ווייסט וויפל קללות עס זענען פארבארגן אין זייערע ברכות און וואס פאר א דורשט נאך נקמה פארטייעט זיך צווישן זייערע דאנקווערטער!

אט דעם קליינעם עפיזאד האט זי איבערגעלעבט פאר עטליכע יאר און ביז איצט קיינמאל וועגן אים ניט געטראכט. איצט איז ער איר אומגעריכט געקומען אויפן געדאנק. פארוואס?... די נאענטסטע טעג האט זי אייגנטליך ניט געלעבט, נאר וועגעטירט. זי האט ניט פארלאזט די שטוב, מורא האבנדיג צו באווייזן זיך פאר מענטשן, ווייל פארבייגייענדיג פארן שפיגל האט זי פון יענער זייט געזען דעם פרצוף פון א משוגענע. ערשט ווען אין בופעט האט פארפעלט שפייז, איז זי אין אוונט ארויסגעגאנגען איינקויפן און ביי דער

געלעגנהייט ארויסווארפן דאס אנגעזאמלטע מיסט. אין א פאר טעג שפעטער האט זי זיך געכאפט, אז זי האט ווינציק געלט. זי האט זיך אזש ביטער צעלאכט ביים געדאנק, אז זי פארמאגט אין שרייבטיש עטליכע זאכן, וואס ווארטן אויסגעפארטיקט און אפגעטראגן צו ווערן צום פארלעגער. שעפערישע ארבעט? זי איז אפילו ניט מסוגל געווען איצט צו קלערן וועגן דעם. ס׳האט א נייער געדאנק אויפגעבליצט אין איר מוח. זי האט אנגעשריבן אין די רעדאקציעס פון צוויי ליטערארישע צייטשריפטן, פארלייגנדיג צו מאכן פאר זיי איבערזעצונגען. ס׳איז אומגעריכט שנעל אנגעקומען א פאזיטיווער ענטווער פון ביידע ערטער; מ׳האט שוין דארט, ווייזט אויס, געוווסט פון איר אומגליק און געוואלט איר העלפן. אזוי ארום האט זי זיך פארזיכערט א מאטעריעלע עגזיסטענץ, ניט דארפנדיג דערביי קומען מיט קיינעם אין פערזענליכן קאנטאקט: די פאסט האט איר געברענגט פון די רעדאקציעס מאטעריאלן און דעם שכר און פון איר אפגעליפערט די איבערזעצונגען.

פון איצט אן האט זי געפירט א דאפלטע עגזיסטענץ. איר קאנטאקט מיט דער אויסערליכער וועלט האט זיך באגרענעצט צו דער מינימאלער און מאנאנטאנער פראפעסיאנעלער טעטיקייט. פול אינטענסיווער איז אנגעגאנגען דאס לעבן אין איר אינערליכער וועלט. אירע געשפרעכן מיט זיך אליין (דערביי האט זי, אפשר פון שרייבערישער געוווינהייט, גערעדט ניט מיט נאר וועגן זיך) זענען געווארן א סיסטעם פון אויסלאדן איר פארביטערטקייט און גלייכצייטיק א מקור פון נייע ליידן, וועלכע ס׳האבן איר פארשאפט אירע אייגענע אכזריותדיקע פאנטאזיעס. אט דער אינערליכער געשפרעך איז אנגעגאנגען אן אויפהער, אבער געוויסע טיילן זיינע — צוליב עפעס סודותפולע ביאלאגישע געזעצן — זענען פארהוילט געווען פאר איר באוווסט זיין. דעריבער האבן זיך איר אירע מחשבות אויסגעוויזן פראגמענטארישע, און ענלעכע איינפאלן פלעגן קומען אומגעריכטערהייט.

...„וואס פאר אן אומזיניקער טרוים: — האט זי זיך פלוצלינג דערמאנט יענע נאכט נאך איר לעצטער בלוטונג — זיך פארשטעלן אז סטעפע, פון רחמנות איבער איר, דער דערנידעריקטער דינסט, שענקט, איר א שעה אין ראבערטס ארעמס! ווי האט א שרייבערין גאר געקאנט אריינלאזן צו זיך אין דמיון אזא אומווארשיינליכקייט! דאס קאן מען נאר פארענטווערן מיט איר אפגעשוואכטער זעלבסטקריטיק אונטערן איינפלוס פון דער סעקסועלער אויפרייצונג נאכן פעריאד. ווייל צי איז דען ניט קלאר, אז סטעפע וואלט זי קיינמאל צו זיך איבער דער שוועל ניט געלאזט? אויב שוין זיין א דינסט, איז... יא, ביי יענע הויקערדיקע בעטלערקע, וואס האט אמאל אזוי אכזריותדיק־זיס געשמייכלט צו איר“... זי איז א דינסט ביי דער זקנה. דעם גאנצן טאג, איינגעוויקלט אין שמאטעס, שטייט זי צוזאמען מיט איר אויף דער גאס, אין אוונט גיט זי איר אפ דאס אנגעזאמלטע געלד און זיי קערן זיך אום אין זייער קעלערשטוב. דארט פערוואנדלט זיך די בעטלערין אין א ציכטיקע בעל־הביתטע. זי טוט אויס דו שנארערישע קליידער און ציט אויף זיך ארויף אויס־



געוואשן און אויסגעפרעסט אנטועכץ. האלטן עס אין ארדנונג, קאכן די וועטשערע, קערן די שטוב, פאלגן אויפן ווונק ווי א גוט דרעסירטע צויג — דאס איז די פליכט פון דער דינסט יאלאנטע. און ווי איז צו איר, אויב זי פארזינדיקט זיך! די אלטע נעמט אוועק פון איר דאס עסן, לאזט איר ניט צודעקן זיך מיט דער ראגאזשע ווען זי לייגט זיך שלאפן אין דער קאלטער נאכט אויפן שטרוי־זאק ביי דער וואנד, שלאגט זי שוידערליך, לאנג, מיט א שטיק האלץ וואס הילכט אפ אנטרעפנדיג אויף א ביין, און טוט דאס אלץ מיט יענץ האסנדיק, קרום, זיס־אכזריותדיק שמייכעלע... זי שטייט אנומלט, יאלאנטע, אנגעשפארט אנעם מויער ביי דער זייט פון דער זקנה, א צעשלאגענע, ניט אויסגעשלאפענע, ציטערנדיג אויפן ווינד אין אירע שמאטעס, ווען זי דערזעט זיי ביידן: סטעפען און ראבערטן. זיי גייען געארעמט, אזוי ווי דאמאלט, מיט יארן צוריק, זענען געגאנגען געארעמט ראבערט מיט יאלאנטען ווען זיי האבן דערזען די הויקערדיקע אלטע; איצט זעט יאלאנטע ווי סטעפע טוליעט זיך צו איר, יאלאנטעס, מאן, ווי זי פרעסט צו אים איר פולן, ווייבערישן קערפער — — —

וויהין פירן זי אט די פאנטאזיעס? וואס איז זייער צוועק? זי איז פארזונקען אין אפגעלאזטקייט. זי האט אפגעזאגט דער געהילף און פירט איצט אליין די ווירטשאפט. נאכן אפפארטיקן זיך מיט די איבערזעצונגען קאכט זי און וואשט פאר זיך. אבער אויסער די פראפעסיאנעלע ארבעט, וועלכע זי פילט אויס געוויסנדיג כדי ניט ווערן פון איר באזייטיקט, טוט זי אלץ אומזארגפעלטיק, פון יוצא וועגן. אין דער פרייער צייט דרייט זי זיך ארום אן א ציל איבער דער שטוב, מיט א שטיק טרוקן ברויט און האנד, פון וועלכן זי נעמט פון צייט צו צייט א ביסן און קייט מעכאניש, ווי א מעלה גרה. זי האט אנומלט דערזען זיך אין אט דעם צושטאנד אין שפיגל און אנטקעגן אים שטיין געבליבן. פלוצלינג האט זי אויסגעצויגן די לינקע האנד מיט פינגער פארקרומטע ווי חיה׳שע נעגל — און אנגעטאפט דאס קאלטע גלאז. זי האט צוריקגעצויגן די האנד, ארויפגעלייגט די פינגער אויפן האלדז און אים ווייטיקדיק פארדרוקט.

זי איז ממשיך אין איר אפגעלאזטקייט, האט אין גאנצן אויפגעהערט רוימען די שטוב און אפגעשטעלט דאס וואשן. די לעצטנס אויסגעוואשענע וועש איז לאנג שוין אויסגעטרוקנט און דאך הענגט זי ווייטער אן א ציל אויף דער שטריק אין קיך. מיט א ספעציעלע פארביסנקייט פארנאכלעסיקט זי איר אייגענע פערזאן. און ווען זי לייגט זיך אין בעט מיטן פון לאנג ניט אפגעפרישטן איבערצוג און דערפילט דעם אונאנגענעמען גערוך פון איר לייב, טראכט זי וועגן זיך: „די פארעיפושטע“.

„א, ווי איך האס זי, די פארעיפושטע, ווען איך זע ווי זי שלייכט זיך פון יענער זייט שפיגלט מיט אירע צעשויבערטע האר און וואסעריקע אויגן! ווי נמאס איז מיר שוין געווארן דער אנבליק פון איר דארן גוף, וואס דערמאנט אן אן אויסגעמאגערטע צויג! צו וואס דרייט זי זיך דארט ארום אינעם

לאבירינט פון אירע ליידן, פון וועלכן ס'איז קיין אויסוועג ניט פאראן?" זי האט דערזען זיך אין דמיון ווי זי שטייט מיט דער האנד פארדרוקט אויפן האלדז... א סוף מאכן צו איר האפנונגסלאזן לעבן, אויסווישן זי פון שפיגל אזוי ווי מען ווישט אויס אנבזה'דיקן פלעק!" זי האט זיך דערמאנט אן די וועש, וואס טרוקנט נאך אלץ אויף דער שטריק אין קיך זי האט דערזען זיך אליין ווי זי נעמט א ראפ שטיקלעכווייז די וועש פון שטריק, בינד אפ איין עק שטריק פון דער וואנד... שטילערהייד, ווי גנבנענדיג זיך, איז זי ארויס פון בעט און טריט ביי טריט, ווי פארטיפט אין א לונאטישן שלאף, זיך געווענדעט צום ארייננגאנג אין קיך.

א שטילער קלאפ. זי האט אויפגעציטערט. דאס איז דורכן שפאלט אין פאדער־טיר ארייננגעפאלן אין פאסטקעסטל א בריוו. זי איז צוגעגאנגען, אים ארויסגענומען און געעפנט. א בריוו פון אים! איר בליק איז געפאלן אויף די ערשטע ווערטער: „טייערע יאלאנטע". איר פיינלעך פארדרוקט הארץ האט ווי אויפגעטייעט. זי האט גענומען לייענען. ראבערט האט אנגעגעבן זיין נייעם אדרעס און געבעטן שיקן אים די פאר אים אנגעקומענע קארעספאנדענץ. ער האט אויך געבעטן שיקן אים זיינע „באמערקונגען וועגן קאולערס טעאריע", וועלכע האט — ווי ער האט מיטגעטיילט — אין צוזאמענהאנג מיט די אנגאבן פון די לעצטע חלל־פליען באקומען אנייעם אספעקט. דער בריוו האט זיך געענדיקט מיט די ווערטער: „דיין ראבערט".

זי איז געשטאנען א בארוועסע אין פאדערהויז, געלייענט דעם בריוו נאך און נאך א מאל, ניט פעיק זיך מיט אים צו שיידן. א, ז'האט פארשטאנען, אז דאס איז א לאקאנישער, זאכלוכער בריוו. זי האט ריכטיק באנומען די אויסדרוקן „טייערע יאלאנטע" און „דיין ראבערט" אלס ניט מער ווי א העפליכקייט. אבער אפילו א העפליכקייט פון אים איז גענוג געווען, כדי זי ארויסצורייסן פון איר אוממענטשלעכער סטאגנאציע. זי האט זיך ארומגעקוקט אויף דער פארלאזטקייט פון דער שטוב און פון איר אייגענער פערזאן און זיך אנעם געטאן ברענגען זיך אליין און אלץ ארום אין ארדנונג. דערנאך האט זי צוגעגרייט דעם כתב־יד צום אפשיקן, זי האט זיך אויך דערלויבט — דאס ערשטע מאל נאך ראבערטס אוועקפאר — ארויסנעמען פון שופלאד זיין פאטאגראפיע. ס'האט אן עקשנותדיקער געדאנק געעגבערט אין איר מוח: ער איז איבערצייגט, אז זי האט זיין ארבעט ניט ארויסגעווארפן; הייסט עס, ער האט זי איר איבערגעלאזט אלס אן אנדענק און געווען זיכער, אז זי וועט אזוי עס פארשטיין. איצט פאדערט ער זי צוריק — פארשטייט זיך, נאך צוליב וויסנשאפטליכע טעמים. און אויב אזוי, וועט ער אפשר, באקומענדיג זי פון זיין יאלאנטען, דערפילן עפעס ענליכעס צו דעם, וואס זי האט דערפילט, דערזעענדיג זיין בריוו? איז אפשר דער דאזיקער בריוו זיינער נאך ניט דער לעצטער?... א דערשעפטע פון דער אנשטרענגונג און פון ברוזנדיקע געפילן האט זי זיך געלייגט אין בעט און שנעל איינגעשלאפן. און אט איז איר חלום:

...זי איז א קליין מיידעלע און געפינט זיך מיטן פאטער אויף א שפאציר



הינטער דער שטאט. זיי פארברענגען דעם גאנצן טאג צוזאמען, שפילן זיך און טאנצן, לויפן האלטנדיג זיך ביי די הענט און לאכן. ס'איז אזוי גוט אויפן גרינעם פעלד, ס'איז ווארעם, די לופט — ווי דורכגעוועבט מיט בלויע זיידענע פעדים. אבער ווי אן אונטערשלאק פון דער לויטערער שטימונג פילט זיך אפארבארגענער טרויער. זי ווייסט, אז ווען די זון וועט פארגיין, וועט מיט איר געשען עפעס מורא'דיקס. זי באמיט זיך ניט טראכטן וועגן דעם. דערווייל איז דאך נאך ליכטיק, די זון שיינט אזוי פריילעך, דעם טאטנס האנד איז מעכטיק און מילד. זיי לויפן צוזאמען אונטערשפרינגענדיג, נעמען זיך אן פאר די געקרייצטע הענט און טאנצן און א ראד. אבער אט הייבט אן פארגיין די זון. ס'ווערט קאלט און טונקל. און דאן גייט ארויס פון וואלד און דערנענטערט זיך צו זיי... זי אליין, די אנדערע יאלאנטע מיט א שטריק און האנד. דאס קינד טוליעט זיך צום פאטער. — טאטעלע גיי ניט אוועק, לאז מיך ניט איבער אליין מיט איר, כ'האב מורא! אבער דעם פאטערס האנד גליטשט, זיך ארויס פון איר ספאזמאטיש פארדרוקטע פינגער, זי קאן אים ניט פארהאלטן. ער דערווייטערט זיך און יענע מיט דער שטריק קומט צו אלץ נענטער. — טאטעלע גיי ניט, פארבלייב מיט מיר! — א כליפ רייסט זיך ארויס פון איר פארשטיקטן האלדז. — לאז מיך ניט איבער אליין מיט איר, טאטעלע, טאטעלע! — —

זי האט געעפנט די אויגן; טרערן האבן זיך געקייקלט איבערן אויסגעמאטערטן געזיכט, די ליפן אנמעכטיק געצוקט: ...אט... אט.. זי האט אויפגעמאכט די פארדרוקטע האנד, פון וועלכער ס'איז ארויסגעפאלן ראבערטס פאטאגראפיע זי האט זיך אומגעקוקט: דורכן פענצטער האט ארייננגעטריפט דאס טריבע ליכט פון מארגן.

זי איז ארויס פון בעט און זיך דערנענטערט צום שפיגל. — קיינמאל מער — האט זי געזאגט — קיינמאל מער ניט קלערן וועגן דעם. אויסדויערן אין דער בענקשאפט און ווארטן געדולדיק; זיי וועלן קומען אליין: די אויסלייזונג און די רו.

## שמואל ווהייט

## אלע געזאנגען

(געווידמעט מיין אסתרל)

אלע געזאנגען מיינע, דיר באלאנגען,
די אויסגעזינגענע שיר השירים לידער,
זיי אטעמען מיט ריטמישע קלאנגען
פון דיינע בעוועגלעכע גראציעזע גלידער.

דו נאכטיגאל מיט אירע זיסע טרעלען
לבנה מיט איר זילבערליכט דעם העלען,
וועבען זיך צוזאמען א סימפאני
אין דער ארום עכאט לויטער: די! די!! די!!!...

## א. נ. שטענצל

# אראפ פונם יאריד . . .

1

די פאר וואכן זיינען גיך אפגעלאפן, אבער די צייט דעמלט, וואס איז נישט געשטאנען שטיל, איז נאך שנעלער געלאפן.

פון די אנטרונענע פון די פאגראמען אין די יידיש־אוקריינישע שטעטלעך, פון גרויסן הונגער אין די רוסישע שטעט און פון די אנטלאפענע פון דער רעוואלוציע, האט זיך בינו לבינו אין וועסטן פון בערלין געשאפן א מין יידישע קאלאניע און דאס ראמאנישע קאפע איז געווען דער פארלאמענט.

עס האט גערוישט מיט בארימטע יידישע קולטור־און כלל־טוער, מיט באוווסטע אדוואקאטן, יידישע, פון מאסקווע און פעטער־בורג, מיט באקאנטע יידישע שרייבער פון קיעוו און אדעס, מיט באפליגלט פארטיי־פירער פונם עקסט לינק ביז סאמע רעכטסטן פליגל — עס האט גערוישט ווי אין א בינענשטאק.

פעראיינען ווערן געגרינדעט, ס׳עפענען זיך פערלאגן. דער בארימטער אולשטיין־פארלאג עפענט אויף א יידישע „העברעאישע פיליאלע: „דער כלל פערלאג״. די אנגעקומענע „קולטור־ליגע״־פירער — עפענען א צווייטן. נאך אן עפענטלעכע־פארזאמלונג, נאך א רעפעראט פון א ניי אנגעקומענעם גאסט, זיינען די טישלעך פול באזעצט. פון די יידישע געגנד אין מזרחטייל שטאט, פון פרץ־פעראיין, פון יידישן סטודענטן־היים קומט מען אראפ באוונדערן די גדולים. עס רוישט, עס זידט — יינגע קינסטלער, פרישע טאלענטן דרייען זיך פון טישל צו טישל פון אויפגעקומענע מעצענאטן און פארטיי־„באנצעס״ מכל־המינים . . .

פון אמעריקע באוויזט זיך שלום אש ווי א שליח־פארשטייער פונם זשאינט, פון ווארשע כאפט זיך הערש דוד נאמבערג אראפ, אביסל אויפ־צולעבן אין דעם הוהא. יידישע מאלער, קומען אן פון דער גאנצער וועלט.

די דייטשע וואלוטע איז געשטאנען אזוי, אז די קונסט און די קולטור־צענטערס פון איראפע איז געווען בערלין — אן אנגעלויף ווי אויף א וועלט־יאריד.

איך האב מיך א ביסל לייטישער מלבוש־ערומים געווען און גענומען א מעבלירט־צימער נאנט פון „צענטער״ — פון ראמאנישן קאפע; און ס׳איז מיר נאך אלץ געבליבן א שפור ביסל פון מיינע דאלארן. איך האב געשווימען אין דעם געברויז און געלייגט קלאפטער פון טישל צו צו טישל, ביז כ׳האב אנגעהויבן פלוצלינג צו שפירן אז איך זינק.

איז עס געווען ווייל כ׳האב מיט אמאל דערזען, אז ס׳ביסל געלד גייט אויס איז עס געווען די ליידיקייט וואס כ׳האב אנגעהויבן צו דערפילן אין מיר? ס׳איז גיכער געווען דאס לעצטע; ווייל אויף אזויפיל בין איך שוין געווען צווישן די חברה, אז כ׳וואלט מיך שוין געדרייט אין דעם שווידל־ראד אין דיקן



טשאד פון אויפגעבלאזענטע רייד און האוואנע שמעקנדיקן ציגארן־רויך אין קייענדיקע שפעקולאנטן ציינער . . .

ווי די שמעטערלינגען האבן זיך די יונגע, די אומבאקאנטע געדרייטע ארום די גרויסע, ארום די בארימטע און זיי זיינען שנעל פארברענט געווארן, אויפ־געגאנגען אין פלאם, אדער אליין גאר גיך אויפגעלויכטן, געווארן א בארימטקייט „א גרעסע״ . . .

קולבאק, וואס איז שוין אנגעקומען אין בערלין, נישט ווי א פליט, נאר, ווי א פאעט, ווי אן נייער אויפגייענדיקער שטערן, שוין מיט א בענדל געדרוקטע לידער, געוואלט איינאטעמען איראפע אין זיך, עפעס נייעס דערשמעקן האט ממש אונטערגעהונגערט אויף זיין רחבותדיקע גאלעריע־דירה — כ׳האבס דערפילט ביי מיין באזוך ביי אים.

אים געטראפן ביי טאלסטאיס „קריג און פרידן״ אין דייטשער איבער־זעצונג, דאס פנים זיינס נאך קנאכיקער אויסגעצויגן, דער צעביילטער שטערן אונטער דער פעטער פאסמע האר ליכטיק־אויסגעלייטערט, און זיינע ברענע־דיקע אויגן קוקן אויף מיר:

„וואס ווילן מיר אייגנטלעך דא, זיך „אנשטעקן״ מיט איראפע? . . . מיט דער סיוויליזאציע? . . . וואס קאנען מיר ביי זיי לערנען? זיי זענען אלע פליגן, די אלע „גרעסן״ קייגן דעם גאון . . . אזא שטיקל פראזע אויפשרייבן קענען. מוחל די גאנצע פאעזיע . . .״ א סמוטנעקייט האט פון אים געאטעמט.

אויפגעלעבט האט ער ווען נאמבערג האט זיך באוויזן, ער האט נישט נאר געשעצט זיין טאלענט, נאר אים גופא דעם „בראוון ווילאנער״. אפילו דער קעלנער פון אונזער טישל האט עס געוווסט אים נישט איינמאל „געלי־ווערט״ אויף פאראויס: „ער מוז זיך באלד באווייזן . . . ער איז אולקיג דער קליינער . . . יא, אבער דאס איזט איינע גרעסע! . . .״ פלעגט ער צולייגן און אנשטעלן א טישל מיט אלעם גוטן.

איין נאכט קום איך אין קאפע. אין א ווינקל טישל, אין קליינעם צימער, דירעקט ביי דער דריי־טיר, זיצט דר. עליאשעוו. א פרייד נעמט מיך ארום, ער דערזעט מיך און פרייט זיך מיט מיר, ער בעט מיך זעצן ביי אים; צוריק־געקומען פון די בעדער און ער בלייבט שוין דא. איבערגענומען דעם „כלל־פערלאג״ — א פולער טיש מיט ארבעט״. ער גיט מיר די אדרעס פונם פער־לאג״ ,אין בכל אלא מה שבפרט״ — אז מ׳ווערסט דערלעבן וועט ער נאך א בענדל לידער פון מיר אויך נאך ארויסגעבן.

סניאור דרייט זיך דורך די דריי־טיר, דערזעט אונז און קומט צו מיט א געוואלט: „איר האט עפעס שיינס אויפגעטון, מיט נקבות שלעפט ער זיך ארום, איר האט געמאכט פון אים א לייט״.

מיינע אויגן צינדן זיך אן. עליאשעוו דערזעט עס, און זיינע, פון איבער דער פענסנע, ווי זיי וואלטן א ווינק געטון: ווייז אים וואס דו קענסט, ביז דאך נישט קיין מלמד — א מענטש פון פעלד, פון פערד . . .

עליאשעוון האט וויי געטון דאס דרייען זיך און שארן זיך פון שרייבער

און קינצלער ארום פארטייען און פאנדאן, דאס זיך פארזיכערן מיטן מעצענאטן און האנארארן, זאלן קינסטלער פאעטן לעבן ווי ביי די אומות העולם, הפקרדיק און אויף גאטס־באראט . . . זאל מען זיך געבן און די ציין, נישט לעבן ווי די מלמדים, ווין סטאטעטשענע קעסט־איידעמלעך — זאל זיין א קינסטלער־לעבן, ככל הגוים . . .

שנייער האט זיך שנעל אדריי־אויסגעגעבן און אריין אין גרויסן צימער, אזוי ווי ער וואלט ביים טיש אפילו נישט פארבייגעגאנגען, און איך בין געבליבן זיצן בלאס מיט פארביסענע ליפן.

אז דער קעלנער קומט צו צום טישל וויל איך מיך אויפשטעלן. דר. עליאשעוו זעצט מיך צוריק אנידער און באשטעלט צוויי טעפעלעך קאפע און הייסט סערווירן געבעקס. לויט מיין צעריסן אויסזען און דאס וועלן אוועקגיין איז ער זיכער, אז ביי מיר אין טאש טאגט עס.

ער הייבט אן דעליקאט: „דער דזשוינט האט אים איבערגעגעבן א געוויסע סומע צו פארטיילן צווישן די אנגעקומענע יידישע שרייבער . . .“

ער זעט דעם ווידערווילן אויף מיין פנים און וויל עס מאכן אין א וויציקן־טאן: „זיי וועלן עס באלד צעשלעפן, כאפט אויך עפעס אריין . . .“

„איך בין דאך נישט קיין אנגעקומענער, איך בין דאך א דאאידיקער, איך פארדין. און פון דעם באקומענעם האנאראר“.

„וועט איר האבן פאר אייערע . . . כאטש עפעס שיינס? לויט ווי ער פלאצט, אונזער שנאור — מוז דאס זיין, שוין איינמאל א . . .“ ער האט נישט געענדיקט.

צוויי וואכן האב איך מיך נישט באוויזן אין קאפע. כ׳האב אנגעשריבן א דראמא אין דריי אקטן מיט א פראלאג און עפילאג פון חלוץ־לעבן מיטן נאמען „אין אויפגיין“.

(אין יאר 24 האט זיך זי זיך געדרוקט אין פארטזעצונגען אין א יידישע צייטונג אין לייפציק אויך דערשינען אין זעלבן יאר ווי א בוך. אין די יידישע רונדשאו“ איז געווען אן אפהאנדלונג איבער איר. איין עקסעמפלאר געפינט זיך אין שאקן־ביבלאטעק אין ירושלים. פאר איניקע יאר געטראפן דא, אין ווייטשעפל דעם ביבלאטעקער מר אבערמאן אים זאגנדיק, אז ס׳האט זיך אפגעפונען נאך אן עקזעמפלאר איז ער געווען גאנץ ענטטוישט . . .)

נאך די צוויי וואכן, ווען כ׳בין געקומען אין קאפע אריין און צוגעקומען צו קולבאקס טישל האט ער זיך דערפרייט מיט מיר: „א כוואט, אז איר קאנט זיך באהאלטן און ארבעטן“.

„פון וואנען ווייסט איר?“

„ס׳איז אויפגעשריבן אויף אייער שטערן“ . . . צעלאכט ער זיך נאנט חבריש.

ער האט זיך איינגעלאדן ביי מיר: „איך בין דאך אייך שולדיק א וויזיט און איר וועט עס מיר פארלייענען“.

איך האב אים די דריי אקטן מיטן פראלאג און עפילאג פארגעליינט. ער האט די גאנצע צייט געקוקט אויף מיין גרין יעגער־רעקל, מיט די געש־



ניצטע הערשן־הערנער קנעפ, וואס איך האב מיר געקויפט — שטאט א שלאף־ראק. ווען איך האב געענדיקט האט ער צו מיר געזאגט, מעשה יינגל, ווען אים געפעלט עפעס: „ס׳געפעלט מיר, גיט עס מיר, דאס רעקל“.

איך וואלט עס אים זיכער געווען געגעבן, — וואלט איך עס די לאסקער שילער נישט געגעבן, ווען זי זאגט עס איז אזא טאן? — אבער איך האב געהאט דאס געפיל, אזוי ווי איך האב געווארט, נאך מיין פארלייענען, אויף די ווערטער: „עס געפעלט מיר“. און ער האט זיי מיר מסתם, נישט געקענט זאגן און זיי האבן זיך אים דאך, ווי סוגירירט, ארויסגעכאפט, האט ער די אנדערע ווערטער צוגעלייגט.

נאך היינט אז איך דערמאן מיך יענע סצענע קומט מיר אזוי מאדנע אויס — איך שפיר די שווערקייט פון יענער שטימונג . . .

ס׳געלד איז מיר שנעל אויסגעגאנגען, איך בין נאך שולדיק געבליבן פאר צוויי וואכן דירה־געלד. איבערגעלאזן אלע מיינע איינגעקויפטע זאכן אויף דער וווינונג צוזאם מיטן גרינעם יעגעררעקל מיט די ביינערן געשניצטע הערשן־קנעפ און עוקר געווען נאך האלבע נאכט אן א פעניג, ממש, אין דער טאש.

* * *

קאן מען דען ארויסהייבן פון ווילד־שטורעמדיקע כוואליעס ברויזנדיק לעבן אן עפאכע מיט א געלעכערטן נעץ? וואס כ׳האב געחלומט, — ווען די כוחות וואלט דערצו געסטאיעט, — ארויסצובאקומען דעם צאפלדיקן געראנגל פון א פיש ארויסגעשליידערט אויף א פרעמדן ברעג.

כ׳האב געמיינט, אז כ׳וועל עס קענען, ביים אנהייבן פאר דריי יאר שרייבן דעם צווייטן טייל פון מיין בוך „געראנגל“. אבער די כוחות און די מעגלעכקייט ווערן אלץ שוואכער און שוואכער, אז איך שפיר, אז עס לאזט זיך צומאל אויס דער דינער פאדים צו שפינען דאס ריין ביאגראפישע, וויאזוי א קליינשטעטלדיק בית־המדרש־און שטיבל־בחורל, נישט געפינענדיק די אינערלעכע ריכטיקע, און פאסנדיקע פארבינדונג מיט דער דרויסנדיקער גרויסער וועלט, וואס פארקנוילט זיך און פארפלאנטערט זיך אלץ מער און מער, אבער קיילט זיך דאך אלץ ווייטער און ווייטער מיט זיין ביסל יידיש וויסן און פילן, מיטגעברענגט פון זיין היים, פון זיין טאטנס הויז, און געפינט דאך דעם וועג פון זיך ארויסצושפינען, ארויסצוועבן, כאטש פון צייט צו צייט דאס שטיקל מאטעריע וואס רופט זיך אייראפעאישע קונסט.

איך פיל זיך שוין פון צייט און אומשטענדין, ווי א פארוויקלטע פליג אין שפין־געוועב, ווי דאס דינע געוועב רייסט זיך — — אבער לאמיר אים נישט אליין, במזיד, דעם דינעם דרים, איבעררייסן.

זייט מוחל, דעם איבעררייס מיטן שטיקל התנצלות, אבער עס העלפט טייל מאל צום ווייטער קאנען אנגיין.

2

ס׳איז שפעט, ווייט נאך האלבע נאכט, אין קעשענע קיין פריטה, אבער די

בוזעם־טאש איז ווידער אנגעשטראפט; קודם „די דראמע“ און א פעקל נייע לידער. איך פיל, אז זיי זיינען באמת ניי —

שוין די אנדערע אטמאספערע, די אנדערע אומשטענדן, די נייע מענטשן, דער שיחות־חולין, דאס פארליינען זיך איינער דעם צווייטן — האבן מסתם געהאלפן דערצו.

כ׳בלאנקע א פארלוירענער, אבער שוין אויף אן אויסגעטראטענעם וועג. די גאסן זיינען מרה־שחורהדיק ליידיק, די לאמטערן לייכטן מיט א מין פרעמדלעך ליכט, אבער איך דערקען די גאסן. שוין בין איך אויפן פאטסדאמער־פלאץ —אין ווייס ווו איך בין!

אויפן אלאקסאנדער־פלאץ הערט מען שוין טראסקענען די וועגער, קלאפן די פערדישע פאדקאוועס, ס׳פארן אן די קלאפנדיק קאנען מיט מילך. די געלאדענע וועגענער מיט גרינצייג — עס ווערט היימישלעך: פון מיר ארויס פיל איך דעם גערוך; דער וועג פירט גלייך אראפ צום פינסטערן געסל — צו דער מלינה.

. . . עפעס דוכט זיך מיר ווי איך וואלט יעצט אנטלאפן פון אזא מין רעסטאראנדל, פון דער שענהייזער שטראסע, פון האגישן מארק, פון דער מינץ־שטראסע — פון שווארצן־מארק, פון „לאקשן“ קופאנעס, מיך ערגעץ צו באהאלטן; נישט פון א ווארטנדיקן „שופא“ דא אין א ווינקל — פון מיר אליין! פון דעם רוישידיקן „וועלט־מארק“, פונם אויפן הימל א יאריד, איך בין נישט געוואקסן דעם טומל, דעם אויפגעפלוישטן הוהא; צווישן די בייסנדיקע צייך, דער האוואנא־שמעקנדיקער ציגארן־רויך פארטשאדעט מיך.

דא, אין דער מלינה, אינם נעפל פון הארבן שווייס און שארפן טאבעק־רויך ווער איך איינגעהילט אין א טולענעם שלייער פון טוליענדיקע געפילן, אין אן עמוד־העגן פון געדאנקן —

די שווערע מאזאליע־האנט אויף דער פלייצע, א פרעמדע, א שווארצע, זי דריקט אבער איך פיל די ערלעכע פראצע.

דער כוח פון דער ערד! פריי איך מיך: צוויי יאר קוים, און מיך דערגראבן צו איר — אפנים „עס ציט דעם וואלף אין וואלד אריין“!

די אלע פארוויקלטע פראבלעמען, די פילפולדיקע פארוואסן און טונקעלע מאטיוון זיינען אוועק, ס׳איז געבליבן בלויז דער גערוך אירער — די ערד באשאפט אירע אייגענע מענטשן, גשמיותדיקע . . . בין איך עס טאקע שוין געווארן? שפעקוליר איך נישט אויף מיין אייגענעם, אוממיטלבארן אופן?

איך זע שוין פאר די אויגן, ווי עס שטייט אויף איינעם פון די שווארצע, מיט עסן־באפלעקטע טישן, א פארגעסענע בלעכענע שיסל מיט אזא באמבלדיקן לעפל אויף א קייטעלע, איינגעטווישט אים ביים קיך־פעסטערל און שוין זיץ איך ביי א גלאז ביר מיט א „בוטער־שטולע“.

איך דערמאן און דעם געשלעג וואס איז ארויסגעקומען איבער אזא ליידיקע ארבעס־שיסל און שוין שטייט ער מיר פאר די אויגן — לאמיך נאר אים טרעפן, דעם מיט די אונטערגעהאקטע לונגען.



דרויסן פאר דער אפענער פארנדיקער טיר זיינען שוין געשטאנען די פולע וועגענער און דרינען ביי דער טאשעוואניע איז טאקע געשטאנען יענער, וועמען כ׳האב געהאלפן דעמלט און מיטגעפארן מיט אים אין דער מארק־האלע. מיך דערזעענדיק האט ער מיך ארומגעכאפט: „קאמעראד, ברודער, יודע, וועסט מיט מיר אויסטרונקן איינעם“.

איך האב אויסגעטרונקן נישט נאר איינעם און פארביסן בכל לבבך און בין ארויף מיט אים אויפן וואגן. די הארטע קארטאפל אונטער מיר! דערטאפט די קילע־רובן און געכאפט א שמועס, מכוח, מיט ארויספארן מיט אים אויפן דארף.

אמת, ס׳איז שוין געווען נאכן סעזאן, די קארטאפל שוין אויסגעראבן, די קולע־ריבן שוין ארויסגעריסן, אבער ער האט נאך עפעס אנדערש אין קאפ — ער „איז א קאמבינאטאר, „א יידישער קאפ!“ אין די בין־הזמנים מאכט ער ערד — ער צעלאכט זיך: „בלומען טאפ ערד“ — ער קאמבינירט, ער מישט ערד מיט קאמפאס, מיט קונסט־מיסט און פארט אין שטאט, אין די רייכערע גאסן, און פארקויפט ערד . . . „די שיינע מעדאמעלעך שטעלן זיך ארום און ס׳איז אלעבן“ . . . ער מאכט מיר אפנים חשק . . .

„קאמעראד, ווילסט דו מיט מאכן, שטרעק אויס די לאפע“. איך האב צוגעקלאפט און נאכן אראפנעמען די זעק, נאכאמאל פארטרונקן און נאכאמאל פארביסן און אן „אויפגערוימטער“ — שוין א צוביסל צופיל „אויפגערוימטער“ מיט אים מיטגעפארן אויפן דארף.

(המשך אין קומענדיקן נומער)

## אין א חשוון פינסטערער מולד־נאכט

**א.**

ווי כ׳ראנגל מיך ביי טאג מיט גאט און מענטש,
אזוי אין די פינסטערע נעכט מיט מיר,
זיי איך קאן נישט גובר זיין — — אבער מיך?
עס מוז דאך — — עס האט דאך אלץ א שיעור.

מילא, גאט, ער בלייבט אייביקער זיגער,
קאן מען גובר זיין א נישט עקסיסטיר?
און די הידרע מענטש — דער גולגתא־בארג!
יעטוועדן אפגעהאקטן קאפ איך שפיר —

דאס בליישטיפטל צווישן מיינע פינגער,
ס׳וואלט אויפפלאמען פון מיין יעדן באריר;
דאס קילסטע ווארט ברענט אויף מיינע ליפן,
ווי ס׳גליט אין תקפת־טבות אייז־געפריר.

אבער פאר מיינע אויגן די אותיות,
גילגול־שלג אויף שניי־ווייסן פאפיר — — — —

צום לבנה־האק גלאצן מיינע אויגן:
עס מוז דאך — עס האט דאך אלצדינג א שיעור.

ב

און אויב עס איז קיין גאט נישט פאראנען — —
אבער צי איז דען דער מענטש יא פאראן?
די פרייד אין מיר ווען מיין הארץ — א טיגער,
אונטער גראטעס אין גרימיקן געשפאן.

אלצדינג דאך נאר ס׳ווארט דאס געאייביקטע,
אין בלוט געטובלט, געשניצט אין געביין,
אין וויסטן וואלד, ס׳ווילדע צעוואיעטע,
געטלעך יללה׳ט מיט מענטשלעך געוויין.

א גלאצנדיקער געץ עס ווערט דאס ווארט,
מיט שארף פון מוח געשליפן און געשפיצט;
ווי הילצערן עס ווערט, ווי ווערעמדיק,
און אין הארץ פאגליווערט גילדן געקריצט.

קענען פאלן אין א לעצטן געבעט,
א הונט גריזשענדיק ס׳אייגענע געביין;
א פארביסענער, א צעגריזשעטער,
מיט ליפן פארביסן צווישן די ציין.

ג.

שמונה עשרהדיק שטיל בלייבט דאס הארץ שטיין,
ווי ביי דער תפילה פון „שובר אובים“:
צי קאן עס נאך חלילה ווייטער גיין,
פון גאז־קאמער און קרעמאטאריע־אויוון?

א שערבעלע ערד־שטויב עס געגוגט שוין,
אז שטארבנדיק מענטשעלע זאל ווערן,
בלויז וויפיל קופעס אש נאך נויטיק,
א גאט וואס קיינמאל נישט אויפהערן?

פון א שייט־האלץ א צלם צו מאכן,
גרינגער ווי גיין אויף פלאמיקן שייטער!
ביז אויסגעגאסן צלם־אלוקים,
אויף פנים דאס אייביקע געלייטער — — —

שבת פארנאכט „ברכו נפשי“ זאגן,
דבקותדיק טאטן געטון הערן —
געהערט גאטס מרכבה־וואגן פארן,
אין מילך־וועג, אין גאלד־געשטויב פון שטערן.



ד.

א טייוול פאראן שוין איינמאל זיכער,
א שעיר לעזאזל דאך פאראנען;
אבער אז עס איז א גאט אויך נאך דא,
ווי אזוי זיכער וויסן, פון וואנען?

נישט מיט א באווייז ווערט גאט באוויזן,
נישט מענטשלעכן שכל פארשטאנען — —
אויב מיר לעבן נאך בעסטער סימן איז,
אז א גאט איז דא, און דאך פעראנען.

אבער אויב אז ער זאל אייביק בלייבן,
טארן מיר דאך אויך נישט אויפהערן,
און וויפיל מען זאל אונז נישט פייניקן,
בלויז קיינמאל נישט אינגאנצן צעשטערן.

אז א טייוול פאראן שוין איינמאל זיכער,
ס׳פארגאסענע יידיש בלוט און טרערן — —
אבער אויב אויך דער טייוול אייביק איז,
ער נאך, שטאט גאט, אליין גאט ווערן.

ה.

אין ווען ווען ס׳בלוט ס׳ברויזט און זיד דער שטן,
מיט טויט, מיט גיפט און מיט אלעם בייזן,
אין ווען ווען, ווי אין טאג פון וועלט־באשאף,
גאטס־גייסט שוועבנדיק־שטיל ארומקרייזן.

„מבשרי אחזה אלוקים“ — דוד׳ס
יעדער פסוק תהילים קאנס באווייזן!
ווי אין גן־עדן צווישן די צווייגן,
אין זיין געביין גאט האט געטון שפרייזן.

ווי מיין טאטע זיין בליק אויפגעהויבן,
און צום הימל אים געטון פארגלייזן:
„פון מינדסט ווערמל ביז צום ווילדסט טיר,
גאט, מיט דיין חסד דו טוסט באשפייזן“.

האט ער גאט געזען מיט זיינע אויגן,
אזוי טוט ער זיך תמיד באווייזן,
פאר יענע, וואס אלע ארבע מיתות
אויסצושטיין, וועלט און מענטש צו דערלייזן.

## א חשון - זון

ווען חשוון־וואלקן לעצטע וואנדער־שוואלב באגלייט,
און ווייט הינטן, אויף האריזאנט מיט איר פארשווינדט,

ליייטערט זיך גרויער הימל בלוי אויס — א וווּנדער!
גרויס, זילבער זון באַווייזט זיך, געהעמערט, געדינט.

אין שלאַקס רעגנס, גאַנצע טעג געפּלייצט געגאָסן,
און אין די נעכט, טראַפּ טראַפּ, ס׳טריפֿט און רינט,
די סוף־זומער־פֿעדעם זיך געוואַשן און געשווענקט,
און דעם הימל תּכלית־זיידנדיק אויסגעשפּינט.

2

מינדסט ווינטל און ס׳שיטן זיך די בלעטלעך,
„ווו זיך פֿאַרשטעקן מיט האַרץ פֿול געשווייג״?
קורטשעט זיך שטילינק טוליענדיק קעפּל,
און ס׳פֿאַרגליווערט אין טרויריקן גענייג.

נישט א זינגענדיק פֿייגעלע ס׳איז מער —
א סענק אַרויס שטאַרטשענדיק פֿון א צווייג!
ס׳ליידיק ביימל אין זון אַרום אים,
קונציק פֿאַרפֿלאָכטן — א גאָלדענער שטייג.

3

מיט גרויסן בעזעם דער גערטנער,
די וויאַנע־בלעטער שוין פֿאַרקערט;
האַרד, זייער כליפּנדיק געשאַרך!
לעצטן גסיסה־כאַרכל מען הערט.

געגרינט, געבליט און געקנאָספּעט,
אויף שפּיץ בוים וועלטן געקערט!
און איצינד פֿון זיך אליין שוין,
א פֿוילער ריח־געַרוך זיך הערט.

4

צוויי לעצטע אַסטערן
שטייען נאָך אויף א בייט
פֿאַרנייגט זיך איינע שטיל:
„חבֿרטע, ביזט שוין גרייט״?

„זע נאָר״, ענטפֿערט זי איר:
ווי גרויס דאָרט איצט די פֿרייד״!
און ווי די צוויי שפּעטשען,
די זון מיט זיי פֿאַרגייט.

5

ווי רויט ס׳רויזל,
פֿיבעריק גליט;
ביידע בעקלעך,
קרענקלעך צעבליט.

ס׳קעפּעלע הענגט,
צום שטאַרבן מיד:
אַז נאָך א נאַכט,
אַן אונטערשיד?

6

טיף פֿון אונטער דער ערד א קלעביקער וואָרעם,
איז אַרויסעט, דעם זון־פֿאַרגאַנג ער האָט דערשפּירט;
וועט ער זיך ערגעץ־וווּ דערשלעפּן, אָנקומען,
איידער די חשוון־נאַכט פֿאַלט צו און ער דערפֿרירט?

בלויז וווּהין דען, א חוץ ווערן צעטרעטן?
בלייבט ער בלאָטיק שטעקן, ווו פֿון שׂכל געריררט;
נישט פֿון טויט־שרעקן, פֿון א געוואַלטיקער פֿרייד —
אַז אַזאַ זון נאָך זען בלויז, ער האָט אויסגעפּירט!


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפֿט 444) ניין און צוואַנציקסטן יאָר, דעצעמבער 1968, לאָנדאָן


איינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| די אַכט־רעריקע חנוכּה־מנורה, נס גדול היה שם | | 3 |
| דער קאַמף פֿון די חשמונאים קעגן אומטאָלעראַנץ (עסיי) | י. ריכטיגער | 6 |
| אַלץ וואָס איך בין (ליד), | יוסף לעפּטוויטש | 15 |
| פֿאַרוואָס מען האָט נישט אַריינגעלאָזט אין גן־עדן אַריין הגאון מורינו רבי ישׂראל איסערליין תּיכּף נאָך זיין פּטירה | ש״י עגנון | 15 |
| אַראָפּ פֿונם יריד . . . קאָנוואַלעסענץ (פּראָזע, פּאָעזיע) | א. נ. שטענצל | 19 |
| עמפּייר־סטייט בילדינג (ליד) | אהרן ווערגעליס | 31 |
| דאָס ענדע פֿון יאָר (ליד) | עלא זילבערג | 32 |


## יידישע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

(בערנאַרד מאַראַן סעטלמענט, הענריקעס סט., 33, א.1. יעדן שבת 3 אַזייגער)

שבת, דעם 21סטן דעצעמבער — אַ חנוכּה־פּראָגראַם ס׳באַטייליקן זיך: נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג און מאיר באָגדאַנסקי.

שבת, דעם 28סטן דעצעמבער — סעם לעף: די פּאָליטישע אויסזיכטן פֿאַרן יאָר 1969.

שבת דעם 4טן יאַנואַר — לייענען יהודה ביטש׳ס דערציילונגען צום טאָג פֿון זיין יאָרצייט.

שבת, דעם 11טן יאַנואַר: דאָס 30סטע יאָר פֿון „לשון און לעבן״.

דאָס אַרטיקל פֿון ש. י. האַרענדאָרף צו יוסף פֿרענקלס יובל א.א. — אַלץ אין קומענדיקן יום־טובֿ נומער. — 30 **יאָר „לשון און לעבן״.**


רעדאַקטירט פֿון א. נ. שטענצל

**פּרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פּרייז:—26 שילינג פֿאַר א יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*